MICROFORM
Y-88-74.13

# דָאס יוּדֶעלֶע

יוּדִישֶׁע לִיעדֶער אוֹיף פְּרָאסְט יוּדִישֶׁער שְׁפְּרַאךְ

פֿאָן

## אַבְרָהָם גָאלְדֶענְפַאדֶען

איין אַלטקאָנסטאַנטינער

הערויס־געגעבען

פאן י. בערנאס אונד נ. א. יאקאבי

פֿערלאַג פֿאָן נ. א. יאקאבי

## ווארשא

געדרוקט בייא מ. י. האלטער

שנת תרנ"ב לפ"ק

---

## ДОСЪ IУДЕЛЕ

т. е. Жидёнокъ

или

Наредныя еверйскія пѣсни на жаргонѣ

Соч. **А Гольденфудима**

изданiе Н. А. Якоби

Дозволено Цензурою
Варшава 7 Октября 1891 г.

Печатано въ Тип. В. Тиля въ Варшавѣ, Мыльная 7.



מַיין

געטרייע אונ האָכגעשעצטע ליעבע אונ טהייערע

# מוּטְטֶער

# חנה רבקה

ווִידְמֶע אִיךְ

דאָס ספר׳ל

## טְהַייֶערֶע מַאמֶע

זעהר פִיעל האָסט דוּא געליטען איבער מיר,
מיט וואָס קאָן איך פַאר דעם אָפּדאַנקען דיר?
אָרוּם וויא איך בִין— איז דיא פּען מיין עשירות,
שוואַך וויא איך בין, איז דאָס ליעד מיינע גבוּרות,
וויא קליין דאָס בוּך איז, נאָר גרויס איז דער דאַנק
ווייל פוּן מיין גאַנץ האַרץ איז דאָס דיר אַגעשאַנק.

פוּן דיין עלטערען זוּהן

אברהם

זיטאמיר יום ג׳ ב׳ טבת תרכ"ז לפ"ק

# אִינְהַאלְט פוּן דִיא לִיעדֶער


1 דָאס פִּינְטֶעלֶע יוּד (8 טהייל) . 5
2 הַלְלוּיָה . . . . 18
3 דָאס יוּדֶעל . . . 22
4 דֶער יִחוּס שִׁידוּךְ (3 טהייל) . 26
5 דֶער פַּייל־אוּנ־בּויגֶען . . 36
6 דִיא הָאלָאוֶועשְׁקֶע . . 37
7 עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל . . . 42
8 דֶער נֵר־תָּמִיד . . . 44
9 דָאס דְרֵיידִיל . . . 46
10 הַמַבְדִיל . . . . 49
11 „נָא" . . . . 53
12 דֶער סַאמָאוַואר . . . 55
13 רִבְקָה'ס טויט . . . 58
14 דֶער מַלְאָךְ (2 טהייל) . . 62
15 דֶער פָּאטְשְׁטַאלְיָאן . . 75
16 דָאס פֶּער־זָארגְטֶע בַּעל־הַבַּיִת'ל 78
17 קַיִן (וויא געטלאבערס אין לשון הקודש) 82
18 דִיא קְלִינְגֶערַס בִּים בִּים בָּאם ! 90
19 אַ פְרֵיילִיךְ חָסִיד'ל . . 94
20 דִיא ווִינְד־מִיהְל . . 100
21 דְרַייא מָאהל יוּדִישְׁקֵייט . 104
22 דוֹר הוֹלֵךְ וְדוֹר בָּא . . 105




# דָאס פִּינְטֶעלֶע יוּד .

ערהעבע דיך, רחל, אויס דער וויסטע ; ערהעבע דיך אונד ווײנע ניכט מעהר. ניכט מעהר ברויכטע דיינער איינזאַמען פאַלמע שאַטטען דיינען קוממער צו פער־בערגן. דער הערר האַט געשטיללט דער וויטטווע טהרענע. זייא געטראָסטעט, דיינע קינדער לעבען וויעדער!

D' Israeli

---

## א.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ מַיין פָאלְק דוּא טַייעֶרע אוּמָה,
דוּא שְׁטַארְקֶע, דוּא שֵׁינֶע, דוּא פַיינֶע, דוּא פְרוּמֶע — !
אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין אֱמוּנָה, דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה,
נָאךְ אִין ווִיגֶעל הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט „דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה"
אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין נָאמֶען ווִיא מְ'גִיט אִיהם אַדְרֵייה:
צוּ יִשְׂרָאֵל, צוּ יִזְרְעֶאל, צוּ עִבְרִי, צוּ יֶעבְּרֵייע,
צוּ יַעֲקֹב, צוּ יַעקָאבּ, צוּ יוּדֶע, צוּ יוּד,
אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אֲפִילוּ בַּיים נָאמֶען זְשִׁיד!!..

זְשִׁיד! — וָואס אִיז זְשִׁיד! — וָואס יוּד אַלְץ אֵיינְס,
יוּד! — וָואס אִיז יוּד? — אֵיין אוּמָה'לֶע אַקְלֵיינְס,
אַקְלֵיינְס — אוּנ אִיטְלִיכֶען גְרוֹיס אִין דִיא אוֹיגֶען,
אַגֶעמֵיינְס — אוּנ אוֹיף גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער עֶרְצוֹיגֶען,

אדערשלאגענס—און שלאגט זיך צו אלעמען צו,
אפארווארפינס— און אומעדום געפינט עס זיין רוה,
אין דער פרעמד איינגעבעטען און בעט קיין געלד ביי קיינעם,
זשיד! — אט האסטו דעם פארשוין דעם שיינעם!! —
איך האב דיך ליב אפילו אז מ'רופט דיך זשידיאניק,
אז מ'רופט דיך קאכלעפיל אדער פאלאניק,
אז אומעדום ביסטו פול, עס קאכט מיט דיר די וועלט,
אז אומעדום ביסטו שלאק פערשטעקט מיט דיין געלד;
און ביא וועמען?— טאקי ביא דיא גרויסע לייט
און פערדינסט אין זייערע געשעפטען פון דער זייט,
און קוקט איהם אן אין גאנצען, צו איז ער ווערד אדרייער!!—
אי!— ס'איז אזשידיאניק, ס'איז אברען, ס'איז אפייער—...
ס'איז פארט אמיוחס, גיה מאך מיט דעם עפעס—.
וועסט נאך חאפין אקלאפ, אט פרוו נאר זאטשעפעס—.
אט זעה! איז דען דא איינער פון עמלק פון בבל?,
א זכר פון זייא געפינט מען געקריצט אויפין טאוועל,
הכלל ווער ס'האט איהם געמוטשעט האט זיך געשאט,
זיין הערליך אויסקומעניש האט ער געהאט,
וואָרין זיין טאטע זאגט: ער איז ביא מיר איינער,
ווער ס'שלאגט איהם אומזיסט, ברעך איך דיא ביינער!!—.
ער איז פול אומעטום אויף דער גאנצער ערד,
וואוהין ער קומט וואקסט ער, און האט זיין ווערד;



אמאל האט ער געהאט אלאנד וואס פליסט מילך און האניג,
נאר ער האט עס פערזינדיגט, דער פארשייטער זשידיאניק—..
אז זיין טאטע האט איהם פון דער היים ארויס געטריבען,
האט ער איהם א יחוס בריפ'ל מיט געגעבען,
נאך ביים אלטען ר' משה אין דרוק איז דאס געדרוקט־געוועזן,
אז די אומות האבען עס בעטראכט, האט'ס געהאט ביי זיי חן...
און ווען שונאים האבען איהם געוואונשען צו אלע רוחות
האבען זיך אויך געפונען פריינד צו שאטצען זיין יחוס—...
וואס איז דאס פאר אניים, וואס איז דאס פאר אזאך,
וואס לייענט איהר דאס פאלקער אין דריי הונדערט שפראך,
פון וואס לעקט איר דיא פינגער און שרייט עס איז א חידוש,
ס'האט דאכט מיר א פנים וויא א חומש'ל א יודיש?—...
„עס איז די עברעישע ביבעל וואס מאכסטו אזא יאריד"—!
הא! הא! עברעיש? יעברעי? נא אבי ניט זשיד! —
געזאמטצע?— יא, געשריבען מיט וויפיל יאהרען צוריק,
און זענען נאך אין היינטיגער וועלט דער גרעסטער אנטיק—
ווי הייסט דער וואס האט אונז דעם טהייערן רעצעפט געמאכט
און וואס אי הר האט'ס אויך שוין צו־ד־אייך אריין געבראכט,
דאס תהילימל—וואס דערקוויקט די נשמה, יעדעם גליד,
„מאזעס"—„דאוויד"!— אזוי? — אבי ניט זשיד—...
ביסט אפיין יונגעל יעקעלע! עס קומט דיר אקניפ אין בעקיל
מ'קען דיך שוין ניט פערקויפען אין אזעקיל,

דיין טאטע האט שוין מיט דיר קיין דאגות אין דער פרעמד
קענסט דיר. שוין פערדינען אויף ברויט, אויף א העמד,
צווישען פריצים ביסטו אויך אגאנץ גרויסער פריץ,
צווישען חכמים ביסטו אויך קיין עם־הארץ,
צווישען גלייכע דעות איז דיינע אויך ניט דיא קרומע,
איך האב דיך ליעב מיין פאלק די טהייערע אומה! —

## ב

נאר וועה דיר שאפעלע, זינט דו האסט דיין פאסטוך פערלוירען!
יעדער האט דיין מילך געטרונקען—דיין וואלל געשוירען;
ניט איינמאהל האט מען דיך פסח געבראכט פאר איין קרבן,
ניט איינמאהל האט מען דיך געקוילעט, ניט איינמאהל ביסטו
געשטארבען . . .

חד גדיא—דער טאטע האט זיך געקויפט אציקעלע,
האבין'ס די קינדער צוחאפט, דער אשטיקעלע, דער אשטיקעלע;
זייא וואלטען דיך געוועז דערשלונגען אזו מניה וביה,
ווען דער טאטע זאל ניט געוועזען אנשרייען אויף זייא—.
עס זאל היינט איינער פון דיינע אלטע בעהעלפערס אויפ־
שטעהן,
וואס דו פלעגסט יונגערהייד צו זיי אין חדר אריין געהן,
וואס פלעגין דיך קאטעווען, דיר ברעכען דיא ביינער,
אזא תלין וויא „נבוכדנצר" אדער פון „רום" איינער . . .



אדער וואס האבען אויף דיר געפרופט דיא גבורות,
פון יענע וואס פלעגען דיך ציהען אויף טארטורעס,
זיי זאלען זעהן אז דו לעבסט, וואלטען זיי חלומות אויסגעבטלט,
אונ וואלטען צו דיר אזוי מיט דעם קאפ צו געשאקעלט:—
„—טפו!— ישראליק? צו דיין קאפ—! צו ביסטו דאס? —
„דו לעבסט נאך?— צו מיר זענען בלינד געווארען, וואס? —
„וויא האסט זיך אהער גענומען דו שלאק דו צרה? —
„סטייטש מיר האבען געמיינט אז דו ביסט שוין די כפרה,
„קארג האבען מיר דיר געמאכט דיא פגירה,
„היינט בעטראכט נאר, אזא כח, אזא גבורה . . .
„וויא שטארק מיר זענען געוועזען—נא איז געוועזען צו גלויבען,
„אז אזא אנישט זאלל אונז איבער־לעבען? — . . .

אט נבוכדנצר'ן דאכט זיך ער איז אויך אקאזיק—.
עס הייסט מיר אויך געממית'ט, עס הייסט אויך אמזיק?—
עס הייסט אויך געצאפט בלוט? — עס איז אשטאך מיט
אשפילקע!
עס הייסט אויך געשונדען דיא הויט— עס איז נאר געמאכט
אגולקע! —
מ'פלעגט אן עיכוב זיא ציהען[1]) מיט אייזערנע גראבליעס,
די קראצערס[2]) האבען זיי צוקראצט מיט שארפע סאבליעס[3]).

---

1) אן עיכוב זיא ציהען מאכט „אינקוויזיציאן".
2) דיא „קראצערס" מאכט „דיא קרייציגע". 3) שווערדען.

קארג האט מען זיך אין איהם נוקם געווען,
אין יודישע קינדערס בלוט ביז אין האלז ארײן געהן—.
אפין אויף דײן געשיכטע, יוד! און פריב ליינען—,
יעדע שורה וועסטו בעקלאגען—איטליכעס בלעטיל בעוויינען..
וועסט זעהן לענדער—וואס זענען פול פון טויטע יודען!
וועסט זעהן טײכען—דאס איז בלוט פון געקוילעטע יודען!
וועסט זעהן פעלדער—זענען פול מיט צערטרעטענע יודען!
וועסט זעהן וועלדער—דאס איז ביינער פון צעשניטענע יודען!
וועסט זעהן שטײנער—דאס איז שארבינס פון דערשלאגענע יודען!
וועסט זעהן א פארך— דאס איז „אש" פון פערברענטע יודען!

נאר דײן טהײערע אמונה האסטו ניט פערביטען,
בײא אללע יסורים וואס דו האסט געליטען—
טויזענדער יודען האבען געלאזט זײער גוטס פערפאלען,
און פאר הונגער, וויא די סנאפעס, זענען זײ אויס געפאלען;
א טהײל האט מען געברענט—געשונדען דיא הויט;
אדער בײט דײן אמונה, אדער נעהם דעם טויט!—
דו האסט אבער געזאגט בשעת ארום דיר האט געברענט פײער
„—נאט אייך מײן „נשמהו"—די „אמונה" איז מיר טהײער—!!!"
יא—זיא איז די געטרײע מוטער, וואס האט מיט רחמנות
דיך אויס געהאלטען צווישען דיא גרעסטע סכנות,



זיא איז דאס, וואס האלט דיך יעצט אויף דער וועלט,
זיא האט דיך פאר א מענש געמאכט—אויף די פיס געשטעלט!
זיא איז דער שטארקער קנופ—דיא אײזערנע קייט,
וואס האלט אונז אין אײנעם וואו מיר זענען צו שפרייט,
וואו אונזער פינסטער מזל האט אונז פערווארפין—
אין מזרח, אין מערב, אין דרום, אין צפון—.
און וואס איז שלעכט אז איך עס כשר'ס און ס'איז טאקי רײנער?
און אז דער קצב וועגט מיר צו עטליכע בײנער?
יאקאס לעבין מיר נאך יודעליך אב—אב ביז אצונד,
און מ'איז געזונד, און מ'לעבט, און מ'לעבט, און מ'איז געזונד!
און וואס איז מיר דא שבת אזוי שלעכט אין קאן,
אגאנצע וואך, דער יוד, ער מוטשעט זיך אן,
ער הארעוועט און ארבײט מיט גרויסער מיה,
פאר וואס?.. פאר שבת! ער האט פארט דענסטמאל זײן ריה—.
דער יוד דער געליבטער, ער פוצט זיך שיין אויס,
און געהט זיך פרײטאג געגען זײן כלה ארויס!...
אטהײערע מתנה פון דעם ליעבען גאטט—
לאמיר זעהען א יודען וויפיל ער האט,
אהאלצהעקער, אפעדלער, וויא ארעם זײא זענען,
געהט ארײן צו זײא שבת, צו וועט איהר זײא דערקענען,
וואו זיא האט זײא פערזארגט מיט ליכט, קידוש און חלה! —
צו פערמאגען אנדערע אומות אזא טהײערע כלה? —

היינט וויפיל האבען זיך אומות געמוטשעט אללע,
ער זאלל זעהען אבלאזען דעם שידוך מיט שבת דער כלה...
ער האט זיך אבער געלאזט שמייסען און בייסען,
און תנאים—זאגט ער—טאר מען ביי אונז ניט צעררייסען—...
שפעט פון מיר! הייסט מיר „מה־יפית" זינגען!
קרומט זיך מיר נאך, הייסט מיר אין באד אריין קלינגען!
מיר הערין אייך אללע וויא דיא אלטע שקראבעס,
מיר געפעלען זיך פארט. אגוט שבת—! גוט שבת!! !— ***

און מיין „ראש השנה'לע" האט אשלעכטען אינסטרומענט?
„זיין קול" האט גיכער פון אקויל צו־וואָרפען ווענד—...
און וואס געפעלט אייך ניט דאס הייזעל פונ'ם ליבען „ר' סכות?"
אבער מעהר פון אמויער דויערין זיינע ליסעס און דריקעס...
און „שמחת תורה"! דער הוליאק, וויפיל ער האט אין זיך
גענאסען...
אבער יודישע שכורים געפינט מען זיך ניט וואלגערן אין
דיא גאסען...

טהייערער יום טוב! וואס דו האסט אויפין צונג ווייס'ך,
נישט קשה—! דא מעגסטו דערמאנען דעם נאמען „פּסח"—
דא מעגסטו איהם דערמאנען אפען און פריילעך,
מיר וואוינען אין אגוט לאנד, אונטער אגוטען מלך;
דער מלך מיט זיינע לייט גלויבען שוין אויך ניט,
אז דוא דארפסט אויף פּסח דאס קריסטליכע בלוט...



מ'האט דיך שוין פערענטפערט, שוין, ביזט שוין ריין,
טאקי יודעשע קאפליך פון דיר אלליין*),
דיא צרות דארף איך דיר ניט דערמאנען, זענען ניט לאנג,
אין דיינע אויערין דארפסטו נאך הערין אביטטערין קלאנג!
נאך היינט הערט מען אין לאנדער וויינענדיגע נגונים,
וואס מ'טראכט אוים אויף יודען נישט געשטויגענע לגונים;
נאר וויפיל מ'האט דעם יודען פאר דעם פּסח געקלאפּט,
וויפיל בלוט מ'האט איהם נעביך פאר דעם פּסח פערצאפּט,
האט ער פּסח געהאלטען—נישט פערבויגען דעם „סדר"...
און האט „אחד מי יודע" געזונגען כסדר—...
אחד מי יודע!— איינם ווער ווייסט?—
גאטט!— ווייסען אללע אז ער הייסט!—
אחד מי יודע?— ווער קען דאס איינע?—
אללע קענען דאס יודישע אומה'לע דאס קליינע-
דאס איינע האלט זיך טרייא אין דעם איינעם, און ווערט
ניט פערפאלען,
דער איינער היט דאס איינע, און לאזט דאס ניט
פאלען;

*) ר' יצחק בער לעווינזאָהן מיט זיין ספר אֶפס דמים. דאָקטאָר חוואָלסאָהן פּראָפֿעסאָר אין פּעטערסבורגער אוניווערסי- טעט מיט זיין רוסישען בוך: О нѣкоторыхъ средневѣковыхъ обвиненіяхъ противъ Евреевъ.

ווייל דאָס איז דאָס שיינע, דאָס פיינע, דאָס פרומע-.
איך האָב דיך ליעב, מיין פאָלק, דיא טהייערע אומה!!!—

## ג.

היינט יעקעלע, איידער מיר וועלין זיך צו שיידין
וואַרט נאָר—איך האָב מיט דיר נאָך עפּעס צו ריידין;
איך וועל דיר ניט זאָגען חסרונות אין אַנדערע שפּראַכען,
כדי אַנדערע אומות זאָללען האָבען פון דיר צו לאַכען;
אין פּראָסט יודישען וועל איך דיר ווייזען דיינע געשעפּטליך.
אמת טאַקי ביסט אַגאַנץ גרויסער מיוחס, אָן ווערטליך;
נאָר ביי דיא אַללע זאַכען ביסטו—מיין ליעבער יעקאָץ,
זאָלסט קיין פּעראיבעל האָבען—אַגאַנץ גרויסער שקץ!--
דו ברענסט זיך דיא וועלט, אט וויא דו ביסט קליין,
אַז עס איז אונמעגליך פון דיר טאַקי אויס צושטעהן;
דו האָסט זיך אין דיר אַזוינע חסרונות,
וואָס געהען נאָך איבער די גרעסטע עונות;
ווער עס הערט רייסט זיך אַזש פאַר די האָר.
אוי וועה! — דיר ליגט שוין אַזוי אין דיין נאַטאָר;
פאַר וואָס זאָלל צווישען יודען קיין אחדות זיין.
איין יוד שלינגט דעם אַנדערען וויא אַפיש אַיין.
ברידער פון איין טאַטען זענען מיר זיך אַללע,
פאַר וואָס זאָלען מיר זיך פיינד האָבען?— דאָס איז אַ שאלה,



פאַר וואָס זאָלען מיר צווישען זיך ניט לעבין צופרידען,
ווער מאַכט מעהר אומגליקליך יודען, וויא יודען;
אַנדערע טוהען איהם גאָר קיין רעות
מען האָט איהם נאָר פיינד פאַר זיין רמאות,
איין יוד וואָלט גערן דעם אַנדערן דערשאָסען,
די מסירה איז זיין פולפער, זיין ביקס די דאַנאָסען!!!,
פאַר וואָס פיהרט מען דאָרט אַ יודען אופן ברעטיל?—
דאָ האָט שוין איודעלע געלייגט פאַר איהם אַקנייטיל!—
און וויפיל האָט מען זיך ליעב פון פרנסה מדחה צו זיין,
לעבעדיגערהייט יענעם לייגען אין דער ערד אַריין,
וויפיל האָט מען זיך ליעב אַזוי קאַליע מאַכען ביי אַ־
געשעפט:
„—איך האָב איהם אָן געמאַסטען אַ שטריימעל ער איז
געפלעפט—...?"

אַ שיין ווערטעלע- וואָס הייסט? איינס אין דער וועלט,
וואָס חאַפּט דיך דער גוטער יאָהר אַזוי פאַר דעם געלד? —
וויא גרויס דיא וועלט איז געשפּייזט פון גאָטט'ס האַנד,
צו בעקלאָגט זיך אַמינדסטער אויף זיין שלעכטען שטאַנד,
יאָ—עס איז פערהאַנדען פיל וואָס האָבען זיך צו בעקלאָגען,
נאָר פרעג—וועסטו הערען וואָס זייא וועלען דיר זאָגען:
גאָטט האָט אונז אויך געגעבען אַגאַנץ וואוילען ביסען,
האָט מען איהם פון אונזער מויל אַרויס געריסען.—

אבי אקערביל, ביסטו מסכים צו דער בלאטע זיך מאכען,
חנפנין א פריץ, און ער זאל פון דיר לאכען,
האלטען דאס היטעל, קלאמערשט זיך קראצין אין קאפיל,
און ער זאל דיר דרעהען די בארד און מאכען פון איר אצאפיל.
דו קושט איהם אין דער האנד— און ער שמיצט דיך וויא
א הונד—
פאר דיין אראפ־ווארפען זיך—נעהמט ער דיר ארויס דאס
געזונד—
פאר איין גראשין לייזינג—נעמט ער דיר ארויס דעם מארך—
און פאר דיין, יאסניע וויעלימאזשנע—חאפסטו, זשיד פרך!!—
דער פאר האט מען דיר דיא שיינע פאמיליע צוגעקלעבט,
פ א ק ט א ר ! - איא שיין?—האסט זיך גוט דער־לעבט,
פ א ק ט א ר ?—און ג ו י־ק ד ו ש ? — איך פרעג דיך אליין—
ד י פאמיליע צו ד ע ם נאמען פאסט עפעס שיין ? —...
דאס איז—ווייל דער גראשין איז ביא דיר אזא געוואלד,
מהיכי תיתו—פערדיענען ווער וואלט נישט געוואלט,
נאר ביי דיר, ווי זאגט מען, אז מיט דער זינד אויף דער האלב,
אוי ישראליק!—נאך היינט דינסטו צום גאלדענעם קאלב—...
פע—דיא אללע נארישע זאכען ווארף שוין אוועק,
ישראליק?—ביסט זיך ניט אנאר, לאז דאס נעמען א־נ־עק,
לאז נעמען א־נ־עק שנאה, חסידים און דייטשען,
וואס טויג זיך זידלען, קריגען, וואס טויג זיך דאס פאטשען,



דער איז יוד, דער איז יוד, מיר זענען אלע יודען,
לאמיר צווישען זיך בעסער לעבען צו פרידען,
פאר דער קורצער קאפאטע אט נא דיר אגראשין,
אבי דאס פינטעלע יוד איז אין איהם ניט פערלאשין—...
אט זעהסטו דעם אויפגעקלערטען אט דעם גלוח,
וואס ער איז כל־כו, וויא דו מיינסט—ער לייגנט אין משיח,
און איז עובר, נאך דיין מיין, אויף אלע לאוין אין דער תורה,
און פרומע יודען, וויא דו קלערסט, איז ביי איהם קיין סחורה,
זאלסטו זעהען אז מ׳זאטשעפעט זיין אמונה, זיין יודען,
וויא עס הייבט אין איהם אן זיין בלוט צו זידען...
ווארין דאס פ י נ ט ע ל ע י ו ד ברענט אין איהם וויא פייער,
זיין גאטט זיין תורה איז ביא איהם שטענדיג טהייער!!!—
יא יודען!—מיר דארפען זיך ניט קריגען ניט האבען זיך פיינד
מיר זענען פארט קינדער פון איין לאנד,
לאמיר בעסער זעהען פאר מענטשען זיך ארויס שטעלען,
לאמיר זעהען אונזערען גנעדיגען ק י ס ר געפעלען,
לאמיר זעהען נישט פערשלאפען דיא בעסטע צייט
און לאמיר ווייזען אז ז ש י ד איז נאך אויך עפעס אלייט—.

———

Из книг Бориса Хадкина
63

# הַלְלוּיָהּ

1

מִיר דַארְפֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבֶּען,
אוּנְזֶער גָאטט יֶעדֶער רֶגַע,
וָואס עֶר הָאט אוּנְז דֶער הוֹיבֶּען,
צוּ־ן־אַזֶעלְכֶער מַדְרֵגָה;
אוּן הָאט אוּנְז גֶעשֶׁענְקְט דִיא מַתָּנָה,
צוּ קֶענֶען אִיהְם אַלֵיין,
דֶעם שֵׂכֶל מִיט דֶער כַּוָּנָה,
זַיינֶע גְרוֹיסֶע דְרָכִים צוּ פֶערְשְׁטֶעהְן.

2

עֶר אִיז אַ דָאקְטָאר אַ גֶענִיטֶער,
צוּ־ן־אַלֶע קְרַאנְקֶע קְרֶעכְצֶער,
צוּ צוּבְּרָאכֶענֶע גֶעמִיטְהֶער,
אוּן צוּ־ן־אַלֶע שְׁווֶערֶע הֶארְצֶער;
דִיא חֲסָדִים, זֶענֶען זַיינֶע פִּילֶען,
זַיין מִיקְסְטוּר—אִיז דִיא יְשׁוּעָה,
נֶעמְט מֶען נָאר אַ לֶעפִּיל אַ פוּלֶען,
וֶוערְט מֶען שׁוֹין בְּקַו הַבְּרִיאָה.

3.

עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אַסְטְרָאנָאם,
פוּן אַלֶע גְרֶעסְטֶע גֶעבְּלִיבֶּען,
דֶער הִימֶעל אִיז זַיין דִיפְּלָאם,
מִיט דִיא שְׁטֶערְין אָן גֶעשְׁרִיבֶּען;
בַּייא אִיהְם שְׁטֶעהֶען אִין זַיין רֵייסְטֶער,
פַאר צֵייכִינְט דִיא קָאמֶעטִין,
אוּנ אוֹיךְ נֶאמֶען וֵוייסְט עֶר
צוּ גֶעבֶּען אַלֶע פְּלַאנֶעטִין.

4.

חָכְמָה אִיז דָא בַּייא אִיהְם פוּל,
אוּנ אִיז שְׁטַארְק אִין כֹּחַ,
דֶער הִימֶעל אִיז זַיין שְׁטוּל,
אוּנ וִויא עֶר זִיצְט זִיךְ הוֹיךְ;
קוּקְט עֶר אַרָאפּ אֲפִילוּ,
צוּ דֶעם אָרוּמְסְטֶען בִּידְנְיַאק,
אוּנ פֶערְנֶעמְט אוֹיךְ זַיין תְּפִלָּה,
וֶוען עֶר צוּ וֵויינְט זִיךְ צוּ־ן־אִים גֶעשְׁמַאק.

5,

זִינְגְט אִיהְם. זִינְגְט אִיהְם, זִינְגְט אִיהְם לִידֶער,
זֶעהְט וָואס עֶר קָאן טָאהן,

הֶערְט וָואס פַאר אַ גֶערוּדֶער,
עֶר מַאכְט פְּלוּצְלוּנְג אָן;
עֶר זֶעהְט דִיא עֶרְד דִיא דַארֶע,
אוֹיסגֶעטְרִיקֶענְט פַאר הִיץ,
גִיךְ שִׁיקְט עֶר אָן אַ חְמַארֶע,
אוּנ שִׁיסְט אוֹיס מִיט דֶעם בְּלִיץ!—.

6.

פַאלְד גִיט אַ טְרַאסְק דֶער דוּנֶער,
שׁוֹין גִיט אַ לֵיאַפּ דֶער רֶעגֶען,
אוּנ קוּקְט—אַבַּארְג אַ גְרִינֶער,
קוּמְט אִיהְם שׁוֹין אַנְטְקֶעגֶען—...
פַאר וָואס פְרֶעגְט אִיהְר אַ קַשְׁיָא,
מַאכְט עֶר אַלְץ אָן דָאס?
דִיא בְּהֵמוֹת דַארְפֶען פַאשֶׁע,
אוּנ דִיא שֶׁאפֶּעלִיךְ דָאס גְרָאז!

7.

אוּנ דָאס פֵייגֶעלֶע דָאס מִיזֶערְנֶע,
בְּלַייבְּט אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט,
עֶס גֶעפִינְט זִיךְ שׁוֹין אִיהְר זֶערְנֶע,
דָארְט אוֹיף דֶעם וַוייטֶען פֶעלְד;
מִיט בְּרוֹיט פֶערְזָארְגְט עֶר יֶעדֶען,
עֶר הָאט נָאךְ קֵיינֶעם נִיט פֶערְפֶעהְלְט,

נָא, קֶען אַמֶענְטְשׁ נָאךְ רֶעדֶען,
אַז אִיהְם הָאט עֶר גָאר פֶערְטְהֵיילְט.

8.

וָואס־זְשֶׁע מֶענְטְשׁ וִויל עֶר פוּן דִיר,
אַ קְלֵיינִיקֵייט חְלֶעבִּין:
„הָאפְּט צוּ מִיר—נָאר צוּ מִיר,
„הֶאנְד אוּנ הַארְץ אוֹיפְהֵייבֶּען;
„דוּא זָאלְסְט נִישְׁט זוּכֶען קֵיין אַנְדֶער מִיטֶעל,
„דוּא מֶעגְסְט לַייֶען אוֹיף מַיין סְטְשָׁאט,
„וָוארוּם בְּטָחוֹן אִיז מַיין קְוִויטֶעל,
אוּנ אִיךְ חַתְמֶה מִיךְ דָארְט טַאקִי גָאטט!—.

9.

עֶר פְּרוּבְּט נָאר גֶעבֶּען אַ קְלֵיינֶעם הוּסְט,
שִׁיט זִיךְ אוֹיס אַ שְׁנֵייא אַ וַוייסֶער,
מְהוּט עֶר נָאר אַ קְלֵיינֶעם פִּיפְּסְט,
צוּ־גֵייט־עֶר אַזוֹי וִויא וַואסֶער;
אוּנ דָאס זֶענֶען דֶען קַארְגֶע וואוּנְדֶער,
וָואס עֶר הָאט גֶעוִויזֶען אִין מִצְרַיִם,
אִיז דֶען דָאס נִישְׁט יוּדֶעשֶׁע קִינְדֶער,
נִסִים מִן הַשָׁמַיִם.

10.

אוּנ אויפ׳ן בַּארְג סִינַי דִיא פַייֶערְדִיגֶע בְּלִיצֶען,
דִיא קוֹלוֹת גָאר אַ מוֹרָא,
וֶוען עֶר פְלֶעגְט מִ׳ט זַייא קְרִיצֶען,
דִיא אוֹתִיוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה;
אוּנד הָאט זִיא אוּנְז גֶעשֶׁענְקְט, נִישְׁט קֵיינֶעם,
אַנְדֶערֶע הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קֵיין זְכִיָה,
לָאמֶער־זְשֶׁע זִינְגֶען יוּדֶען אִין אֵיינֶעם,
לָאמֶער זִינְגֶען הַלְלוּיָהּ!—.

---

# דָאס יוּדֶעל

דָאס יוּדֶעל דָאס יוּדֶעל,
דוּא קֶענְסְט אִיהְם, צוּ גֵיין,
גִיבּ אִיהְם אָפּ כָּבוֹד,
אוּנ הַאלְט אִיהְם נִיט קְלֵיין.

1.

פוּן אַ קְלֵיינֶער אוּמָה,
קוּמְט עֶר אַרוֹיס,
אוּנ וואוּ דוּא וֶוענְדְסְט זִיךְ,
וַואקְסְט עֶר דִיר אוֹיס;



זוּכְסְטוּ אִיהְם אִין מִזְרָח—
דָארְט וואוֹינְט עֶר לַאנְג שׁוֹין,
פָאהְרְסְטוּ קֵיין מַעֲרָב—
דוּא טְרֶעפְסְט דֶעם פַארְשׁוֹין;
דָאס יוּדֶעל ....

2.

לָאז דִיךְ קֵיין צָפוֹן—
עֶר אִיז דָא אוֹיפִ׳ן אָרְט,
קוּמְסְטוּ קֵיין דָרוֹם—
דֶער טַאפְּסְטוּ אִיהְם אוֹיךְ דָארְט;
שִׁיף זִיךְ אוֹיף דֶעם יַם,
עֶר קוּמְט דִיר עֶנְטְקֶעגֶען,
פַאר בְּלָאנְדְזֶע אִין דֶער מִדְבָּר—
עֶר פָארְט אוֹיף דִיא וֶועגֶען.
דָאס יוּדֶעל ....

3.

פְּרוּוו פְלִיה אִין דֶער הוֹיךְ,
אוֹיבּ עֶר פְלִיהְט נִיט נָאךְ דִיר,
קְרִיךְ זְשֶׁע אִין דֶער טִיעֶף,
עֶר אִיז שׁוֹין דָא פְרִיהֶער;
דֶעם דַלוּת פַאר אַ חָבֵר,
שְׁטֵייט אִיהְם אוֹיךְ אָן,

און גֶעה נָאר אִין פַּאלִייץ,
עֶר טַאנְצְט דָארְט אִין קָאן ;
דָאס יוּדֶעל׳....

4.

מוּטְשֶׁע אִיהְם , נֶעהְם אִיהְם
דִיא כּחות אַרוּס,
עֶר לֶעבְּט מִיט בִּטָחון ,
און שְׁטֵייט דָאס אַלִיץ אויס ;
אָט מֵיינְסְטוּ דוּא טוּידְסְט אִיהְם ,
עֶר אִיז שוין פַּאר בַּייא ,
עֶר גִיט זִיךְ נָאר אֵיין דְרֵייה,
און אִיז שוין גַאנְץ פְרַייא ;
דָאס יוּדֶעל ~..

5.

בֶּערַאבֶּעוֶועַ זַיין כָּבוד ,
עֶר אִיז דָא בַּייא אִיהְם פָּארְט,
גִיבּ אִיהְם קֵיין רֶעכְט ,
עֶר דֶער שְׁלָאגְט זִיךְ צוּם אָרְט ;
עֶר מַאכְט גָאר קֵיין לַיארֶעם ,
קֵיין גֶעפִּילְדֶער קֵיין גְרוֹיס ,
עֶר בֵּייגְט זִיךְ , עֶר קְנֵייטְשְׁט זִיךְ ,
און דְרֵייעֶהט זִיךְ פָּארְט אויס ; דָאס יוּדֶע׳...



6

בַּייא אִיהְם כְּלֵי־זַיין,
הָאבֶּען קֵיין וֶוערְט ;
זַיין פַּאנְצֶער אִיז–בִּטָחון —
אֱמוּנָה – זַיין שְׁוֶוערְט ;
זַיין הִילְף אִין אֵיין נויט
אִיז אִין דֶעם גֶעוֶועוְנְט ?
עֶר דַארְף נָאר צוּ גָאטט
אַ הֵייבּ טְהוּן דִיא הֶאנְד . דָאס יוּדֶעל...

7

דִיא אֱמוּנָה רֶעדְט אִיהְם אַיין
דוּא וַוארְט אויפ׳ן סוֹף ;
„וִויא בּוּימֶעהְל אויף וַואסֶער
„קוּמְט דֶער אֱמֶת אַרוֹיף ;
„דוּא זַייא בַּייא זִיךְ שְׁטַארְק
„פְרֵייליךְ בֶּעהַארְצְט ;
„גָאטט וֶועט דִיר בֶּעצָאהְלִין
„אוֹיבּ דוּא וֶוערְסְט פַאר שְׁוַוארְצְט"—
דָאס יוּדֶעל דָאס יוּדֶעל ,
דוּא קֶענְסְט אִיהְם , צוּ נֵיין ,
גִיבּ אִיהְם אָפּ כָּבוֹד ,
און הַאלְט אִיהְם נִיט קְלֵיין .

# דֶער יִחוּס שִׁידוּךְ

## א

## דִיא תְּנָאִים

וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם (הושע ב כא)

אַז דֶעם יָתוֹם־ל יִשְׂרָאֵל־קִין אִיז גֶעוֶוען נָאךְ שְׁלֶעכְט,
אוּנ דִיא צָרוֹת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַאר טְרָאגֶען,
זַיין פִינְסְטֶער מַזָל אִיז גֶעוָוארֶען פַאר רֶעכְט,
דָאס גְלֶאקִיל פוּן זַיין גְלִיק הָאט שׁוין גֶעשְׁלָאגֶען;
מְ'הָאט אִיהְם פָאר גֶעשְׁלָאגֶען אַ שִׁידוּךְ אוֹיפְ'ן אָרְט,
אַ יִחוּס אַ רַייכֶען חָאטְשֶׁע עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעמֵיין,
טַאקִי אִין מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס וָוארְט,
אוּנ אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי אִיז דָאס קְנַאסְמָאהְל גֶעוֶוען;
אַ כַּלָה אֵיין אַנְטִיק: רַייךְ, שֶׁעהְן, אוּנ וואויל,
אוּנ אִיז אָרֶענְטְלִיךְ אוּנ פַיין (דָאס אִיז בֶּעסֶער פוּן אַלְס),
עֶס שִׁיטֶען זִיךְ פֶּערִיל בַּייא אִיהְר אוֹיס דֶעם מוֹיל,
אוּנ אַ גָאלְדֶענֶע קֵייט טְרָאגְט זִיא אוֹיף דֶעם הַאלְז,
דֶעק אָפּ דַיין דֶעקְטוּךְ דוּא טְהַייעֶרֶע כַּלָה,
אוּנ בֶּעוַוייז אוּנְז דַיין פָּנִים מִיר ווִילֶען דָאס זֶעהֶען,
דֶער קֶענְט נָאר יוּדֶען קוּקְט אַייךְ צוּ אַללֶע,
אִיז נִישְׁט דִיא אֱמוּנָה דִיא כַּלָה גֶעוֶוען;



אִין דֶער מִדְבָּר הָאט מֶען דִיא תְּנָאִים גֶעשְׁרִיבֶּען,
צוּ סְלוּקְ'ן דֶעם נְדָן הָאבֶּען דִיא צְדָדִים נִיט גֶעפְּרֶעגְט,
דֶער מְחוּתָּן הָאט בַּאלְד דָאס וָוארְט „אָנֹכִי" גֶעגֶעבֶּען,
אוּנ „נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע" הָאט דֶער חָתָן אַיינְגֶעלֵייגְט;
וֶוער זֶענֶען דִי מְחוּתָּנִים, וָואס הָאבֶּען גֶעטַאנְצְט אִין מִיטֶען,
אוּנ וִויא הֵייסֶען דִיא תְּנָאִים, וָואס קֶען אִין זֵייא שְׁטֶעהְן?
דִיא תְּנָאִים אִיז דִיא תּוֹרָה, גָאט דֶער מְחוּתָּן
אוּנ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דֶער שַׁדְכָן גֶעוֶוען;
דִיא חֲתוּנָה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין מְחוּתָּנִם שְׁטָאט זָאל זַיין,
אוּנ מְ'הָאט זִיא אָפּ גֶעלֵייגְט גָאר אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט,
אַ פַּאלַאטְקֶע הָאט עֶר גֶעלָאזְט דָארְט מַאכֶען גַאנְץ פֵיין
אִין אִיהְר זָאלֶען טַאנְצֶען דִיא חֲתוּנָה לַייט;
נָאךְ דִיא תְּנָאִים הֵייבְּט דֶער מְחוּתָּן אוֹיף דִיא הָאנְד,
נַא דִיר חָתָן אַ מַתָּנָה אָט דֶעם טְהַייעֶרֶען שְׁטֵיין,
דֶער חָתָן נֶעמְט בֶּעטְרַאכְטֶען וָואס זֶשֶׁע הָאט עֶר דֶער קֶענְט.
דָארְט אִיז דָאס וָוארְט „שַׁבָּת" אוֹיס גֶעקְרִיצְט גֶעוֶוען*).

*) כדרז"ל אמר לו הקב"ה למשה משה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל (ביצה דף טז ע"א).

# ב.

## דִיא חֲתוּנָה

אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי (שה״ש ו ב)

1.

דֶער עוֹלָם גֶעהְט
זֶעהְר צוּ שְׁפְּרֵייט,
אוּנ מֶ׳זֶעהְט :
זֵייא אַלֶּע הוּפֶּען ;

פְּרֵייליכֶע יוּנְגֶען
פְּלֵיעסֶקען זִינְגֶען,
טַאנְצֶען שְׁפְּרִינְגֶען,
קְלַאפֶּען טוּפֶּען ;

מֶ׳פִירְט אַרַיין מֶ׳פִירְט אַרַיין,
מֶ׳פִירְט אַרַיין דֶעם חָתָן,
פוּן גְרוֹיסֶע כּוֹסוֹת טְרִינְקְט מֶען וַויין,
אִיבֶּער אַלֶּע מָאסֶען ;

—

2.

דָארְט גֶעהֶען יוּדְלֶעךְ
אוּנ זִינְגֶען לִידְלֶעךְ
אוּנ שְׁפִּיעלֶען אוֹיף פִידְלֶעךְ,
אוּנ אוֹיף טִימְפַּאנֶעס ;



דִיא פַייפֶען שְׁרֶעקְלִיךְ,
דִיא קְלִינְגֶען מִיט גְלֶעקְלִיךְ,
דִיא קְלַאפִּין מִיט שְׁטֶעקְלִיךְ,
אוֹיף בַּארַאבַּאנֶעס ;

דָאס זֶענֶען דִיא לְוִיִם אַלֶע,
וָואס הָאבֶּען אִין דֶער צַייט גֶענִּילְט,
אוּנ הָאבֶּען בַּייא דֶער חָתָן כַּלָּה
צוּ דֶער חֲתוּנָה גֶעשְׁפִּילְט ;

3.

דָארְט גֶעהֶען מַאנֶען,
גֶעקְלֵיידֶט אִין לַיינֶען,
אוּנ טְרָאגֶען וַויינֶען,
פוּן אַללֶערְלֵייא סָארְטִין ;

אוּנ טְרָאגֶען מִיטְצֶען—
מִיט הוֹיכֶע שְׁפִּיטְצֶען—
דִיא לַייט נוּטְצֶען,
פַאר סַארְוֶוערְם דָארְטֶען ;

דָאס זֶענֶען דִיא הֵיילִיגֶע כֹּהֲנִים גֶעוֶוען,
וָואס הָאבֶּען דָארְט גֶעדִינְט בְּשָׁלוֹם,
אוּנ הָאבֶּען גֶעמוּזְט דִיא חֲתוּנָה פֶערְזֶעהֶען,
מִיט אַלֶערְלֵייא מַאֲכָלִים ;

4.

און אויף בארג און טאהל—
מיט איינמאהל,
געהען אן א צאהל,
געשפאנט ווערבליאדין;
און מיט אלערלייא,
באקאהלייע,
זענען זייא,
דארט אן געלאדין;
חתן'ס צד, חתן'ס צד,
חתנ'ס צד, דרשה געשאנק,
פון יעדער מדינה פון יעדען גראד,
געבראכט מיט גרויס געזאנג;

5.

און אויפ'ן גרויסען טייך,
שטעהען שיפען א סאך,
מיט אלערלייא פאך,
גאלאנטעריעם;
פון אללע קאנטען—
גאלד בערלאנטען,
פעריל דימאנטען,
און זיידענע מאטעריעם;



כלה'ס צד, כלה'ס צד,
כלה'ס צד, דרשה געשאנק,
פון יעדער מדינה פון יעדען גראד,
געבראכט מיט גרויס געזאנג;

6.

ווער געהט ארײן—
א פיינער מאן,
און טראגט וויין,
אין פיר כוסות;
און טראגט א סעחער—
א קארזש מיט לעבער,
און אויף א זכר,
א שיסעלע חרוסת;
דער פעטער פייסיע טאקי פסח—
געהט טאנצען מיט דער כלה,
פון דער הגדה שפיעלט איהם דעם נוסח,
פלעיסקעט פלעיסקעט אללע;

7.

ווער געהט יעצט טאנצען—
אויפ'ן קאפ קראנצען,
מיט שעהנע פלאנצען,
פרישע גרינע;

אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען—
אַ קְלֵייד בֶּעהַאנְגֶען,
מִיט פוּללֶע זַאנְגֶען,
פוּן אַ פֶעטטֶער מְדִינָה;
דֶער פֶעטֶער שְׁבוּעוֹת גֶעהְט אַצוּנְד,
טַאנְצֶען אִין גְרוֹיס שִׂמְחוֹת,
אַ נַייֶעם וִויוַואט שְׁפִּיעלְט גֶעשְׁווִינְד,
דֶעם נוּסַח פוּן אַקְדָמוּת;

8.

שַׁאט נָאר שַׁאט—
צַוֶעק אִין אַ זַייט,
אָט גֶעהֶען צְוֵייא לַייט,
מְחוּתָּנִים פַּיינֶע;
אוּנ טְרָאגֶען אִין אֵיינֶעם—
דֶער אַ לוּלָב אַ קְלֵיינֶעם—
דֶער אֵיין אֶתְרוֹג אַ שֵׁיינֶעם,
מִיט אֵיין הוֹשַׁעְנָא;
סוּכּוֹת מִיט הוֹשַׁעְנָא רַבָּה—
קוּמֶען טַאנְצֶען זִיךְ אַצוּנְד,
אַ נַייֶעם וִיוַואט שְׁפִּיעלְט דֶער גַבַּאי—
דֶעם נוּסַח פוּן גֶשֶׁם גָאר גֶעשְׁוִינְד;



9.

אַזוֹי הָאט מֶען פֶערְבְּרַאכְט—
טָאג מִיט נַאכְט,
אִין גְרוֹיס פְּרַאכְט,
אוּנ אִין גְרוֹיס פְרֵיידֶען;
מְ'לוֹיפְט מְ'טוּהְט—
נִישְׁמִי גֶערוּהְט,
עֶס קָאכְט עֶס זִיט,
דִיא אַרְבֵּייט בַּייא יֶעדֶען;
דֶעם נַייֶעם פָּארֶעל פַאר זָארְגֶען מִיט קֶעסְט —
בּוֹימֶעהְל אִין פֶעסֶער— וַויין אִין עֶמֶער,
אַללֶע טְהַייעֶרֶע פֵּירוֹת—מְ'רַייסְט מְ'עֶסְט,
מְ'קוֹילֶעט עוֹפוֹת—שָׁאף אוּנ לֶעמֶער;

10

דֶער אֵיידֶעם דֶער נַייֶער—
עֶר לֶעבְּט שוֹין פְרַייֶער,
אוּנ קֵיין זַאךְ אִיז טְהַייֶער,
פַאר זַיין הַשָּׂגָה;
עֶר פְּלֶעגְט נָאר זָאגֶען—
הָאט מֶען שוֹין צוּ גֶעטְרָאגֶען,
אוּנ וֶוער פְּלֶעגְט פֶערְמָאגֶען,
זַיין הַנְהָגָה.

נוא, װער האט זיך אויף איהם אזױנס גערעכט,
װער קען איהם גאר אצונד דער קענען? —
עס איז דאס יתומיל ישׂראליק — עס איז פּרעה'ס קנעכט,
בּנאמנות װיא, מיר יודען זעגען.

## ג.

## אראפּ פון קעסט

וישמן ישורון ויבעט [דברים לב]

נאר גיך האט דער איידעם אין מחותן פארגעסען,
ער האט פארגעסען אלדינג װאס עס איז געװען,
די קאסט האבען זיך איהם שוין אויך צו געגעסען,
און האט איין אום חן געװארפען אויפ'ן װייביל אליין;
איין אנדער מיידעל האט איהם דעם קאפּ פאר דרייעט,
זיא האט ער געליבט גאר איינס אין דער װעלט,
די עבודה זרה איז דאס, ארום איר האט ער זיך געדרייעט,
און האט דעם װייבּס מאיאנטיק נאך אויף איר אויס געשטעלט.
א דא האט דעם מחותן גאנץ גוט פערדראסען,
און האט זיך געראשעט איהם געבען א פּסק,
זיין צארען האט ער אויף איהם אויס געגאסען,
און האט זיך איין מאהל צו בייזערט אויף איהם גאנץ געשמאק



ארויס עזות פּנים ארויס פון מיין הויז,
דוא פריבענדיװעסט זעהר. ביסט געװארען שוין פעט,
דיין קװארטיר זאל זיין דער גלות דארט װאלגער זיך אויס,
ביז דוא װעסט חרטה האבען אויף דיין שלעכטען חטא.
איך װאלט מיט דיר אנדערש געעקט מיין נשמה,
נאר איך האב מורא פאר דעם שונא'ס צונג,
ער װעט זיך זאגען „הא״איך האב איין נקמה!
װאס האט ער דערמאלט דער זעהן אויף דעם אפּגעריסענעם יונג.

איך האב זיך אבער אין יחוס געשטרייכט,
דיינע עלטערין האב איך געליבט און געשעצט,
דיא עלטערין זענען דיא אבות, זייא האב איך געאכט,
און דיין שדכן האט אויך פאר דיר געבעטען צו לעצט,
היינט האב איך אויף דיר אליין אויך רחמנות,
און גיב דיר מיט, דיין װייב אויך אצונד,
זיא װעט שוין קענען אויס שטייען דיין עקשנות,
אין איהר זכות װעסטו לעבען, װארום זיא איז מיין קינד;
נאר אין דער פרעמד זאלסטו ניט װאויװען, „איך װיל אהיים גיך״
איך װעל אליין שיקען מיינע שמשים נאך דיר,
דיא שמשתע איז דיא גאולה, דער שמש איז משיח,
זייא װעלין דיך אהיים ברענגען אויף דעם ארט װאס פריער.

# דֶער פַּייל אונ־בּויגֶען

## (אום לַ״ג בָּעוֹמֶר)

1

אַ סַך מֶענְשֶׁען זָאגֶען אַז עֶס אִיז זֶעהְר מִיאוּס;
פַאר וָואס דֶער יוּד אִיז אַ טְרוּס, הָאט מוֹרָא פַאר אַ שִׂיס;
„עֶר אִיז גָאר נִיט לֶעבֶּעדִיג, עֶר אִיז נָאך גָאר רוֹי,
„עֶר שְׁרֶעקְט זִיך אוּנ צִיטֶערְט אַז עֶר דֶער הֶערְט אַ פּוּי! —

2

מִיט אַ הָאלְצֶערְנֶע פַייל אוּנ מִיט אֵיין הָאלְצֶערְנֶעם בּויגֶען;
אָט מִיט דֶעם קֶען עֶר שִׂיסֶען, דֶער צוּ קֶען עֶר טוֹיגֶען;
„עֶר אִיז נָאר אַ בְּרִיָה דֶער שִׂיסֶען אַ פְּלוֹי,
„אִי דָאס אוּם לַ״ג בָּעוֹמֶר גִילְט נָאר זַיין פּוּי! —

3

דֶער יוּד קֶען אוֹיך שִׂיסֶען, אִיר מֶעגְט מִיר גְלוֹיבֶּען,
נָאר בַּייא אִיהְם אִיז שְׁטֶענְדִיג טְהַייֶער דָאס לֶעבֶּען;
שִׂיסֶען זִיך אָדֶער יֶענֶעם הֵייסְט בַּייא אִיהְם „לֹא";
אָבֶּער וַויימֶער קֶען עֶר אוֹיך גַאנְץ גוּט מַאכֶען פּוּי! —

4

בַּייא אִיהְם אִיז אוֹיך גֶעוֶועזֶען גִבּוֹרִים אַ מָאהְל,
טַאקִי שְׁטַארְקֶע יוּנְגַאטְשֶׁעס אוּנ נָאר אָן אַ צָאהְל;
פַאר זֵייעֶרֶע פַייֶלֶען אִיז מֶען גֶעפַאלֶען וִויא שְׁטְרוֹי;
וִויא גוּט זֵייא הָאבֶּען אַ מָאהְל גֶעקֶענְט מַאכֶען פּוּי! —



5.

דֶער יוּד שִׂיסְט וֶוען מְ'דַארְף — אַ שְׁטֵייגֶער אִין אַ מִלְחָמָה,
דִינֶען טְרַייא זַיין קֵייזֶער — שְׁטְרֶעקֶען זַיין נְשָׁמָה,
אוּנ וִויפִיל יוּדִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אִין קְרִיג גֶעפַאלֶען,
אוֹיבּ צוּ וִויסֶען עֶמִיצֶער — ווילל נָאר זַיין אַ בַּאלֶען.
לָאז עֶר צֶעהְלֶען פוּן דִיא מַאמֶעס יֶעדֶערְעס „אוֹי"
אוּנ דָארְט אוֹיף דִיא מַצֵבוֹת דֶעם אֱמֶת'ן פּה...

---

# דִיא הָאלָאוֶועשְׁכִי

---

תניא אָמר רבי יוסי פעם אחת הייתי מהלך בדרך וכו' ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים להתפלל וכו' אמרתי לו שמעתי בת קול שמנהמת כיונה ואומרת אוי שהחרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגלתי את בני וכו' (ברכות ח ד).

1

אִיהְר שְׁוַוארְצֶע שַׁאלל הָאט אִיבֶּער־גֶעצוֹיגֶען,
דִיא פִינְסְטֶערֶע נַאכְט שׁוֹין אִיבֶּער דֶער וֶועלְט,
נָאר דֶער הִימֶעל הָאט מִיט אַ סַך אוֹיגֶען,
אַרָאפּ גֶעקוּקְט פוּן זַיין גֶעצֶעלְט;
עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעקוּקְט, גְלַייך וִויא ס'טְהוּט אִיהְם בַּאנְק,
אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם וִויא זִיא לִיגְט פֶערְבְּרֶענְט,

פערוויסט האט זיא דער פיינד ניט לאנג,
געטאדט די מענשען— געבראכען דיא וענד —.

2

פוסט שטעהען דיא גאססען אונ שווייגען שטום,
קיין שארך פון א מענשען הערט מען ניט,
הרוגים ליגען פערשפרייט אומעטום,
אונ געבין זייא פליעסען טייכען פון בלוט;
נאר זעלטין הערט מען א ביטערען חראפ,
פון איינעם וואס געהט דארט פאר הונגער אוים —
אין מויל טרוקען— ער בעטט וואססער אקאפ...
אונ פאלט טויט צוריק אויפ'ן חבר'ס שוים...

3.

דארט ליגט א ווייבעל דעם בויך אויפגעשניטען,
מעוברת איז זיא געוועןן גראד אצונד;
אונ פון איהר צו־שניטענעם בויך אין מיטען —
קוקט ארוים דאס טויטע פיצעלע קינד;
דא ליגט א מוטטער נאך גאר א שעהנע—
פערשלעפט—פערוואלגערט צווישען דעם מיסט;
אונ איהר צערטריטענע קינד דאס קליינע —
ליגט נאך צו־געטילעט צו־ן איהרע בריסט—.



4.

דארט ליגט א כלה אין איהר חופה קלייד —
צו־הרגיט דאס פנים, אין קאפ א לאך —.
אונ דא ליגט איהר חתן נעבין איהר געטייט,
קוקט אייך צו — אוי ער סיפעט נאך! —...
דא ליגען ביינדליך, הענטלעך, פינגער,
דאס איז א בן יחיד ביא א מוטטער געוועזן,
זיא האט איהם ערשט אויפגעגעסען פאר גרויס הונגער,
אונ איז שפעטער אויך דערגאנגען אליין —.

5.

צו־שמאלצען ליגען דיא גאלדענע טאצען,
צו־לאמעט, צו־בראכען, דיא טהייערע שטיינער,
פערוויסט, פערשרפיט אללע פאלאצען;
נאר—וויא א ליכטעל צאנקט נאך איינער!...
דאס איז דער בית המקדש, ער ברענט ביז אין גרונד!—
דאס איז קדשי קדשים דאס הייליגע ארט,
נאך איין וואנד איז געבליבען דארט שטעהן אצונד,
אונ אין האלאוועשקי רויכערט זיך דארט!...

6,

אוי— א דאס איז אונז אין גאנצען געבליבען,
פון אונזער גוטס וואס מיר האבען געהאט?

צִיוֹן פֶערְבְּרֶענְט, יִשְׂרָאֵל-פֶערְטְרִיבֶּען,

אוּנ דוּא זֶעהְסְט עֶס צוּ, אוּנ שְׁוַויינְסְט עֶס-גָאט! ?...

לוֹיפְט יוּדֶען אוּנ צִינְדְט אָן בַּייא דֶעם פַייעֶר,

דָאס לִיכְטֶעל אֶמוּנָה וָואס בְּרֶענְט אִין אַייךְ,

צִיוֹן'ס זֵכֶר זָאלל זַיין בַּייא אַייךְ טְהַייעֶר,

אִיהְר זָאלְט זִיא גֶעדֶענְקֶען אוֹיף יָאהְרֶען אַ סַךְ—.

7

נִיט וַוייט פוּן צִיוֹן הֶערְט מֶען אַ גֶערִידֶער,

אוֹיף בֶּערְג אוּנ טָאהְל זֶעהְט מֶען דָארְט גֶעהְן,

אִין גָלוּת טְרַייבְּט מֶען אוּנְזֶער רֶעשְׁט בִּיסֶעל בְּרִידֶער,

אִין קֵייטֶען גֶעפֶּענְטֶעט גְרוֹיס אוּנ קְלֵיין;

זַייא גֶעהֶען אַרוֹיף אוֹיף אַ בַּארְג אִין דֶער הוֹיךְ,

אוּנ קוּקֶען זִיךְ אוּם צוּם הֵיילִיגֶען אָרְט...

וָואס זֶעהֶען זַייא שׁוֹין דָארְט, נָאר אַבְּלָאוֶוען רוֹיךְ,

אוּנ אֵיין הָאלָאוֶועשְׁקִי רוֹיכֶערְט זִיךְ דָארְט—.

8

קֵיין פְלַאם זֶעהְט מֶען שׁוֹין נִיט פַאר דִיא אוֹיגֶען,

נָאר פוּן אַ פוּנְק זֶעהְט מֶען אַ שַׁיין,

עֶר אִיז גִיךְ צוּ זַייא צוּ גֶעפְלוֹיגֶען,

אוּנ אִיז זַייא אַללֶע גְלַייךְ אִין הַארְץ אַרַיין,

בַּאלְד הָאבֶּען זַייא אַללֶע אֵיין גֶעשְׁרֵייא גֶעגֶעבֶּען,

„מִיר שְׁווֶערֶען דָאס דִיר אוּנ מִיר ווֶעלֶען זַיין מְקַיֵים,



גִיכֶער ווֶעלֶען מִיר פֶערְגֶעסֶען אִין לֶעבֶּען,

„אֵיידֶער אִין דִיר יְרוּשָׁלַיִם!" —

9.

נָאךְ אֵיין פוּנְק הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען,

אוּנ אִיז אִין הִימֶעל אַרַיין מִיט אַמָאהְל,

בַּאלְד הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ קוֹל פוּן אוֹיבֶען,

„עֶס לֶעבְּט נָאךְ דַיין גָאטט—זָארְג נִיט יִשְׂרָאֵל!

„אַפִילוּ אִין דֶער פְרֶעמְד אִיז נָאךְ גָאטט דַיין טַאטֶע,

„עֶר וֶועט דִיךְ גֶעדֶענְקֶען אוֹיף יָאהְרֶען אַ סַךְ.

„גֶעהְן מוּסְט דוּ בִּידֶעוֶוען אִין גָלוּת לְעֵת עַתָּה;

„עֶס וֶועט מִיר אוֹיךְ בַּאנְק טְהוּן — פֶערְפַאלֶען דִיא זַאךְ—'

* *

*

אוּנ אַ טְרֶער אִיז פוּן הִימֶעל אַרָאפּ גֶעפַאללֶען;

אוּנ הָאט שְׁטַארְקֶער צוּזְשַׁארֶעט דִי הָאלָאוֶועשְׁקִי —...

גֶעהְט יוּדֶען אִין גָלוּת, אִיהְר וֶועט נִיט פַאלֶען,

עֶס וֶועט אַייךְ זַיין לִיכְטִיג אוֹיף אַייעֶר שְׁטֶעטְשְׁקִי"...

---

# עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל

---

1

פון גָלות בָּבֶל פון ווִיסְטֶען אָרְט ,
וָואס ווִילְט אִיהְר פון דָארְט הֶערִין ;
אַז דִיא טַייכֶען וָואס פְלִיעסֶען דָארְט ,
דָאס זֶענֶען יודִישֶׁע מְרֶערִין ;

2

דָארְט אונְטֶער דִיא גֶעדִיכְטֶע בּוימֶער ,
זֶענֶען גֶעזֶעסֶען לְוִיִם גֶעפַאנְגֶען ;
און פון בֵּית הַמִקְדָשׁ אַלֶע כְּלֵי זֶמֶר ,
זֶענֶען אויף דִיא צְווַייגֶען גֶעהַאנְגֶען ;

3

אַ דָא לויפְט צו דֶער פַיינְד צו זֵייא ,
צו אונְזֶערֶע הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער ;
און טְהוט אויף זֵייא אַגְרוֹיס גֶעשְׁרֵייא :
„שְׁפִּיעֶלְט אונְז צִיוֹן'ס לִיעֶדֶער" !

4

„אוֹי אִיז אונְז אִין אונְזֶערֶע הֶאנְד ,
ווִיא קֶענֶען מִיר שְׁפִּיעֶלֶען לִיעֶדֶער ;
אַז יְרושָׁלַיִם אִיז פֶערְבְּרֶענְט ,
אִין גָלות אונְזֶערֶע בְּרִידֶער — .

5.

אוי יְרוּשָׁלַיִם הֵיילִיג אָרְט,
וָואס גָאט׳ס שְׁטוּהל אִיז אִין דִיר גֶעשְׁטַאנֶען;
קֶען אִיךְ רֵיידִין חָאטְשׁ אֵיין וָוארְט,
דִיךְ זָאלל אִיךְ נִישְׁט דֶער מַאנֶען;

6.

פְלוּצְלִינְג אִין דֶער גְרֶעסְטֶער פְרֵייד,
הֵייבְּט אָן מַיין אוֹיג צוּ טְרֶערִין;
אִיךְ זָאל נִיט פֶערְגֶעסִין אִין דַיין לֵייד,
נִיט עֶס מִיר אָן צוּ הֶערִין.

7.

„גֶעעֶקְט מִיט דֶער שְׁטָאדְט הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע הֶאנְד"
—אַזוֹי הֶערִין מִיר דִיא פַיינְד לַאכֶען—
„רַייסְט, אוּנ בְּרֶעכְט, אוּנ צִינְדְט אוּנ בְּרֶענְט,
„תֵל זָאלל מֶען פוּן אִיהְר מַאכֶען" —.

8.

גוּטְס וֶועט נָאר דֶעם מֶענְשֶׁען בְּלַייבֶּען,
וָואס עֶר וֶועט בֶּעצָאהְלֶען דִיא זִינְדֶער;
אוֹיף דִיא שְׁטֵיינֶער שְׁטַארְק צוּ־רַייבֶּען,
זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע קִינְדֶער—.

---

# דֶער נֵר־תָּמִיד

לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד (שמות כז ב)

1.

אין שול אין אַ אויוועלע דארט אין אַ ווינקעל,
זעה איך שטענדיג אַ ליכטעל ברענט.
אט ברענט׳ס העלל, אט ברענט׳ס טונקעל,
און ארום דעם זענען שוואַרץ און פינסטער די ווענט;
איך געה צו און זאג דעם: אוי איז דיין וועלט,
וואס האט מען דיך געבעך אין אַווינקעל פערשטעלט? —

2.

מיט אַ מינע פון כעס צו־פלאַמט זיך דער קנויט,
און גיט מיר איין ענטפער באַלד אויף דער שטעלל;
אוי מענש! — וויפיל ליכט צינדסט דוא אָן אין אַ נויט,
דו צינדסט זייא דו לעשט זייא, דו מאַכסט פון זייא תל;
און איך זעה דאס אַלס צו און שמייכעל צו מיר;
און שיין מיר און לייכט מיר, און ברען מיר וויא פריער.

3

דארט ברענען חנוכה ליכטליך אַזוי גרויס,
און וויא שטאַלץ שטעהט דער שמש ביי זיי אין דער זייט;
נאר וויא גיך זייא פלאַמען, אַזוי גיך לעשין זייא אויס,
דוא ווייסט דאכט זיך דעם סוף פון דיא שטאַלצע לייט;

און אִיךְ זֶעה דָאס אַלְס צוּ און שְׁמֵייכֶעל צוּ מִיר ,
און שַׁיין מִיר און לַייכְט מִיר , און בְּרֶען מִיר וִויא פְּרִיעֶר .

4

און אום יום כִּפּוּר זֶעה אִיךְ אַ שְׁרֶעק בְּנֶאֱמָנוּת ,]
אַ וֶועקְסֶען לִיכְט אַ לֶענְג , אַ גְּבוּרָה ;
אָבֶּער דִיא אַנְדֶערֶע נַאכְט — אָ וַוא רַחֲמָנוּת ,
אִין דִיא זַאמְד וואוּ זִיא שְׁטֶעהְט בֶּעקוּמְט זִיא אִיר קְבוּרָה ;
און אִיךְ זֶעה דָאס אַלְס צוּ און שְׁמֵייכֶעל צוּ מִיר ,
און שַׁיין מִיר און לַייכְט מִיר , און בְּרֶען מִיר וִויא פְּרִיעֶר .

5

נָאר זֶעהְסְט דוּ , אַז סְ'וֶוערְט שׁוֹין טָאג אוֹיף דֶער גַּאס ,
אַז דִיא זוּן שַׁיינְט צוּ מִיר אִין פֶּענְסְטֶער אַרַיין ,
פַאר אִיהְר לִיכְט זֶעהְסְט דוּ , וֶוער אִיךְ שׁוֹין בְּלַאס ,
גֶעגֶען אִיהְר דוּנְקֶעלְט אַבִּיסֶעל מַיין שַׁיין ;
וֶוערְט אָבֶּער נַאכְט — לַאךְ אִיךְ אוֹיס אִיהְר ,
און שַׁיין מִיר און לַייכְט מִיר , און בְּרֶען מִיר וִויא פְּרִיעֶר .

* *
6
*

אוֹי מֶענְשׁ ! — הֶער זִיךְ נָאר צוּ און פֶּערְשְׁטֶעה'ס ,
בְּרֶענְט נִיט אִין דִיר אַ לִיכְטֶעל אַזוֹינְס ,
וִויפִיל לִיכְטִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת און וִויפִיל לִיכְטִיגֶע דֵעוֹת ,
פְלַאמֶען אוֹיף אִין דִיר און לֶעשְׁן וִוידֶער אוֹיס ;

דָאס לִיכְטֶעל אֱמוּנָה וָואס בְּרֶענְט אִין דִיר,
דָאס שַׁיינְט זִיךְ דָאס לַייכְט זִיךְ דָאס בְּרֶענְט זִיךְ וִויא פְרִיעֶר.

7

דָאס קֶען בַּייא דִיר אוֹיךְ גֶעמָאהלְט זַיין,
אַז דֶער שַׁיין פוּן דֶעם לִיכְטֶעל הֵייבְּט אָן צוּ־דוּנְקֶלֶען,
וַוייל דִיא זוּן פוּן גְלִיק שַׁיינְט דִיר אַרַיין,
אוּנ בֶּעלַייכְט דִיר פְרֶעהְלִיךְ אַלֶּע פִיר וִוינְקֶלֶען.
רוּקְט זִיךְ אָן אָבֶּער דִיא נַאכְט פוּן אוּנְגְלִיק אוֹיף דִיר,
דַאמָאהלְס שַׁיינְט'ס אוּנ לַייכְט נָאךְ בֶּעסֶער וִויא פְרִיעֶר.

---

## דָאס דְרֵיידִיל

גלגל חוזר בעולם (שבת קנ"א ב)

1.

דָאס דְרֵיידִיל דֶעם בֶּעלְפֶערְס קוּנְצְשְׁטִיק,
גֶעגָאסֶען פוּן צִין אָדֶער בְּלַייא,
אוּנ וָואס קֶען זַיין בַּייא דֶער שְׁפִּיעֶל דָאס גְלִיק,
אַ גְרָאשִׁין, צְוֵוייא, אָדֶער דְרַייא.

2.

אַזַא דְרֵיידִיל וִויא אַייךְ אִיז בֶּעקַאנְט,
אַשְׁפִּיעֶלֶעכֶען פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער,

אַזֶעלְכֶעם הַאלְט דָאס גְלִיק אִין דֶער הַאנְד,
אוּן שְׁפִּיעֶלְט מִיט יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער.

3.

צוּ פֶערְשְׁפִּיעֶלְט אֵיינֶער, צוּ עֶר גֶעוִוינְט,
דַארְף מֶען זִיךְ נִיט זָארְגֶען;
אָט וֶוערְט מֶען אָן, אָט הָאט מֶען פֶערְדִינְט,
מֶען קֶען נִיט וִויסֶען וֶועמֶעס מָארְגֶען.

4.

אֵיינֶער זוּכְט אִין דֶער פְּרֶ ע מְ ד זַיין גְלִיק,
אוּן וֶוערְט שׁוֹין דָארְט גָאר פֶערְפַאלֶען;
עֶר קוּמְט שׁוֹין נִיט מֶעהְר אַהֵיים צוּרִיק,
וָוארוּם שָׁ ם*) אִיז זַיין גוֹרָל גֶעפַאלֶען.

5.

אֵיינֶער פֶערְלָאזְט זִיךְ גָאר אוֹיף ווּנְדֶער,
עֶר נַארְט זִיךְ אוּן פֶערְקְרִיכְט דֶער וַוייל וַוייט;

---

*) ווער עס איז קליינערהייט אין אַ חדר געגאנגען דאַרף געניט זיין אין דער שפיעל, אויף דיא פֿיר זייטען פֿון דעם דריידיל שטעהען פֿיר אותיות ש, נ, ג, ה, דאָס מאַכט שם (דאָרט), נס (אַ וואונדער), גדול (אַ גרויס), היה (איז געוועזען); דיא קינדער מאַכען זיך אַ שפּיעל און מאַכען זיך סימנים, אַז דאָס דריידיל פֿאַלט אויף דער ש הייסט: „שטעלל צוא"; אויף דער נ הייסט: „נישט"; אויף דער ה הייסט: „האַלב"; און אויף דער ג הייסט: „גאַנץ".

בֶּעסֶער וָואלְט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִיא קִינְדֶער,
„נֶ ס׳ הֵייסְט: „נִישְׁט״ בַּייא דִיא קְלֵיינֶע לַייט.

6

אֵייגֶעם פְלֶעגְט אַ מָאהְל גוּט גֶעהְן,
הַיינְט אִיז עֶר אָבֶער אָפּ־גֶעקוּמֶען;
„הָיָה׳ אִיז זַיין דְרֵיידִיל גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן,
עֶר הָאט זַיין הַאלְבּ שׁוֹין אָפּ־גֶענוּמֶען.

7

וואַייל דֶעם וָואס נָאטט מַאכְט גָדוֹל זַיין הויז,
אוּנ קוּקְט צוּ אִיהְם אַרָאפּ פוּן הִימֶעל;
עֶר דְרֶעהְט זַיין דְרֵיידִיל פּוּנְקְט אַזוֹי אוֹיס,
ס׳זָאלְל פַאללֶען תָּמִיד אוֹיף גִימֶל.

8

אַ קַאלֶעכְדִיגֶער טִישׁ אִיז גָאר דִיא וֶועלְט,
אַרוּם אִיהְם זִיטְצֶען מֶענְשֶׁען אַ רֶעדִיל;
דֶער שְׁטֶעלְט אַיין גֶעזוּנְד, דֶער לֶעבִּין—גֶעלְד,
אוּנ דָאס גְלִיק שְׁפִּיעֶלְט מִיט זֵייא אִין דְרֵיידִיל —.

---



# הַמַבְדִיל

———.

וְכַסְפֵּנוּ יַרְבֶּה כַּחוֹל (זמר למוצאי שבת).

1.

דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט
טָאג מִיט נַאכְט,
דֶער זָאל פַאר־גֶעבֶּען אוּנְזֶערֶע זִינְד;
עֶר זָאל בֶּענְטְשֶׁען אִין שְׁטוּב
וֶועמֶען ס׳אִיז אִיהְם לִיעֶבּ,
פוּנִים גְרֶעסְטֶען בִּיז אִין קְלֶענְסְטֶען קִינְד;
אוּנ צוּ דִיא פּוּפֶּקְעס אַללֶע
זָאל עֶר זַיין מְמַלֵא,
דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעטְרַאכְט;
עֶטְלִיכֶע מֵאוֹת
פוּן דִיא קַיילֶעכְדִיגֶע מַטְבֵּעוֹת,
וִויא פְרֵיילִיךְ וָואלְט מִיר גֶעוֶוען דִיא נַאכְט—

2.

אַז דֶער הֵיילִיגֶער טָאג
טְהוּט זִיךְ אַ יָאג,
טְהוּט מִיר אַ קְלַאפּ אִין פּוּפִּיק;
אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ זָארְגֶען

וָואס וֶועל אִיךְ טְהוּעֶן מָארְגֶען ,
צוּ פֶערְדִינֶען בִּין אִיךְ מְסוּפָּק ;
מְ׳דַארְף צָאהלֶען דֶעם גוֹי
פַאר הָאלְץ אוּנ שְׁטְרוֹי ,
דָאס מוּז דָאךְ וֶוערִין אַיינְגֶעבְּרַאכְט ;
אוּנ דָא— טַאטֶע גֶעטְרַייֶער ! —
אִיז נִיט דָא אַדְרַייֶער ,
חָאטְשׁ קוֹילֶע מִיךְ דָא בַּייא דֶער נַאכְט —.

3.

אַז אִיךְ פַּאר־לֶעשׁ דִיא הַבְדָלָה
דִיא לַאנְגֶע דִיא שְׁמָאהלֶע ,
אוּנ שְׁטוּפּ אָן פוּללֶע קֶעשֶׁענְיֶעס מִיט אַ פוּללֶער וָואךְ ;
אִיךְ בִּין נִיט פוֹיל אוֹיף דֶער פֶּען
אִיךְ שְׁטוּפּ וִויפִיל אִיךְ קֶען ,
וִויא אִיךְ דֶער־טַאפּ נָאר בַּייא מִיר אַ לָאךְ ;
דָאס וָואס אִיךְ לֶעג אַרַיין
אִיךְ זָאלל מְסַלֵק זַיין ,
דִיא בַּעל חוֹבוֹת , וָואלְט אִיךְ גוּט גֶעמַאכְט
זַייא זֶענֶען אָבֶּער קֵיין נַארָנִים
זַייא זָאגֶען : מְזוּמָנִים ,
צֶעהְל אוּנְז אָפּ דָא בַּייא דֶער נַאכְט —.



4

„וִויא זָאל אִיךְ לַייֶען״ ? —
—הֶער אִיךְ מַיין וַוייבּ שְׁרַייֶען—
אוֹיף דֶער פוּללֶער וָואךְ וִוילל קֵיינֶער בָּארְגֶען מִיר ;
„קוֹיפֶען דִיא קִינְדֶער וִויל׳ךְ
„אוֹיף וֶועטְשֶׁערֶע מִילְךְ ,
„צוּ הָאסְטוּ נִיט עֶטְלִיכֶע גְרָאשִׁין בַּייא דִיר״ ? —
אִיךְ נֶעהְם דָאס בַּייטֶעלֶע אַרוֹיס
אִיךְ קְרַאץ דָאס אוֹיס ,
קְרַאץ הַיינְט קְרַאץ מָארְגֶען , ס׳אִיז פֶערְשְׁמַאכְט ;
וָואס הֶעלְפְט דָאס שְׁרַייֶען ,
אִיךְ וֶועל דָאס פְּרוּוֶוען בֶּעשְׁפַּייֶען ,
טָאמֶער וֶועט׳ס מַזָל־דִיק וֶוערֶען פוּן דֶער דָאזִיגֶער
נַאכְט—.

5.

אִיךְ לִיג דִיא נַאכְט
אוּנ גִיבּ אַ טְרַאכְט ,
אֵלִיָהוּ הַנָבִיא זָאל מִיךְ וֶועלֶען פְרֶעגֶען :
וִויפִיל וִוילְסְט דוּ בְּרוּדֶער !
אִיךְ לֵייג דִיר אַנִידֶער ,
וִויא גְרוֹיס זָאל זַיין דַיין פֶּערְמֶעגֶען ? —

אִיךְ וָואלְט גֶעזָאגְט בַּאלְד
וָואס אִיךְ זָאלְט גֶעוָואלְט ,
„מֵאָה אֶלֶף” גָאר אוּמְגֶעטְרַאכְט ;
בְּקִיצוּר אַ־נ׳עֶק אַ סוֹף
אַ רֶעגְדֶעל אַרָאפּ — אַרוֹיף ,
אִיךְ וֶועל מִיךְ נִיט שְׁטֶעלֶען דִיגְגֶען קֶעגֶען נַאכְט.—

6.

אָט פוּן דֶ עם אַלְטֶען זֵיידִין ,
הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט רֵיידִין ,
עֶר קֶען קוּנְצֶען זֶעהְר פוּל ;
לֵיידִיגֶע פְלֶעשְׁלִיךְ אַז עֶר וִויל
וֶוערֶען מִיט בּוֹימֶעהְל פוּל ,
צוּ קֶען עֶר מִיט מַיין בַּייטִיל מַאכֶען אַזַא שְׁפִּיל ? —
אָבֶּער נִיט אַזַא קוּנְץ
מַאכְט מֶען מִיט מִינְץ ,
וִויא קֶען בּוֹימֶעהְל וֶוערֶען צוּ גֶעלְד גֶעגְלַייכְט ;
דָא אַז מ׳לֶעגְט נִיט אַרַיין טַאבִּי
נֶעמְט מֶען אַרוֹיס אַ מַכָּה ,
דִיא פְּרַאקְסֶע וֵוייס אִיךְ פוּן דֶעם אוֹיף דֶער נַאכְט .

7.

אִיךְ זָאלְט גֶעוָואלְט זַיין וֶוערְט
צוּ זֶעהֶען דָאס וַוייסֶע פֶערְד ,



וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיף דֶעם רַייטִין ;
אוּנ אוֹיף דֶעם פַּאפִּירֶענֶעם בְּרִיק
וֶועט עֶר אוּנְז פִיהְרֶען צוּרִיק ,
אַהֵיים צוּם אַלְטֶען טַאטִין ;
אִיךְ וָואלְט דֶענְסְטְמָאהל חָלֶעבִּין
אִיהְר מֶעגְט מִיר גְלוֹיבֶּען ,
אַגַאנְץ גְרוֹיסֶע כּוֹסֶה גֶעמַאכְט ;
אוּנ וָואלְט גֶעטְרוּנְקֶען לְחַיִּים
צוּ לִיעֶב דֶעם בּוֹרֵא שָׁמַיִם ,
אוּנ וָואלְט נָאר גֶעזִינְגֶען טָאג וִויא נַאכְט.—

---

## „נָא„!?

דָאס וָוארְט „נָא” אִיז , דַאכְט זִיךְ פְּרָאסְט אוּנ קְלֵיין , ׳
אוּנ אִין לֶעבִּין שְׁפִּיעלְט׳ס אַגַאנְץ גְרוֹיסֶע רָאלֶע ;
וִויא צוּ זֶעצֶען דֶעם טָאהְן דַארְף מֶען נָאר זֶעהֶען ,
וֶועלֶען עֶס מִיט אֵיין מֶעלָאדִיע קֶענֶען לֵיינֶען אַלֶע ;
נָאךְ קְלֵיינֶערְהֵייט לֶערְנֶען דִיא עֶלְטֶערִין דֶעם קִינְד ,
דָאס וָוארְט „נָא” רֵיידֶען פַאר אַלֶע זַאכֶען ;
אוּנ וִויא פְרֵיילִיךְ וֶוערֶען זֵייא אַז ס׳נֶעמְט אִיבֶּער גֶעשְׁוִוינְד ,
אוּנ ס׳קֶען שׁוֹין „אֵי זְשֶע נָא נָא נָא” מַאכֶען .

אוּנ אַז ס׳װֶערְט עֶלְטֶער אוּנ הֶערְט פוּן פְרוּמֶע אַ סַךְ,
אַז בַּיים דַאבְנֶען אוֹיסְרֵיידֶען אִיז קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ;
אִיז מִיט דֶעם װָארְט „נָא" קוּמְט עֶר אָפּ אַ שְׁפְּרַאךְ,
וָוארוּם „נָא אָה׳!" אִיז אוֹיף אַלְדוּנְג אַ קַשְׁיָא—אַ תִּירוּץ.—
אוּנ אַז דֶער חָתָן שְׁטֶעהְט שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם שְׁװֶערְס נְדַן,
אוּנ דָא דַארְף מֶען אִיהְם שוֹין פִיהְרֶען מִיט דֶער פּוּיק
אוּנ טַאצֶען;
אִיז מִיט אַ רַחֲמָנוּת פָּנִים׳ל רָאמְט אִיהְם דֶער חָתָן אַיין:
„נָא? שְׁװֶער־לֶעבּ, מְכֹּחַ אַכְטְצֶעהְן דְרַייצֶעהְן"? —
אוּנ וִויא ס׳מַאכְט זִיךְ אָפְט בַּייא אוּנְזֶערֶע יוּדֶען,
אַז דֶער שְׁװֶער פַּייפְט דֶעם חָתָן אִין נְדַן אַרַיין;
אִיז וִויא בַּאלְד עֶר הָאט אַ גוּט װַייבּ מַאכְט עֶר צוּ־פְרִידֶען,
„נָא נָא, אַבִּי דֶער קֶרֶן אִיז חָאטְשִׁי פַּיין" —
אַז עֶר מְרֶעפְט אָבֶער אָן אוֹיף אַ גוּטֶער פִּיסְקַאטֶע,
וָואס זִיא בֶּעגְרָאבְט אִיהְם נַיין עֶללֶען אִין דֶער עֶרְד;
מַאכְט עֶר „נָא! — נָא"! — מִיט גְרוֹיס גְרֶעזַאטֶ׳ץ,
אַ גוּט שְׁטִיקֶעל שְׁלַאק הָאט מִיר גָאט בַּאשֶׁערְט...
אוּנ אַז עֶר װֶערְט זִיא פָּטוּר אִין אַ גוּטֶער שָׁעָה,
װֶערְט עֶר עֶרְשְׁט אַ יוּנְג מִיט שְׁפָּארֶען,
אוּנ גְלֶעט זִיךְ דָאס בַּייכֶעל אוּנ מַאכְט אַלַאנְגֶען נָ א...
אַ דַאנְק גָאט אִיךְ בִּין זִיא פָּטוּר גֶעוָוארֶען —.

---



# דֶער סַאמָאוַואר

1

עֶנְטְפֶער מִיר נָאר סַאמָאוַואר אוֹיף דֶערְאוֹיף:
וָואס בְּלָאזְט דוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי וִויא אַ פַּאס?
אִין אַ שֶׁעהְנֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט נֶעמְט מֶען דִיךְ אוֹיף,
שְׁטֶעהְסְט אוֹיוֶוען אָן, אוּנ בִּיסְט תָּמִיד אִין כַּעס;
פַאר וָואס זִידְסְט דוּ אוּנ קָאכְסְט יֶעדֶע מִינוּט,
זָאג מִיר אִיךְ בֶּעט דִיךְ, אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דָאס נִיט?

2

„פַאר וָואס זָאלל אִיךְ נִיט זִידֶען בְּרֶענֶען וִויא אַ גֵיהִנָם,
„אַז דֶער עוֹלָם וָואס זִיצְט אַרוּם מִיר,
„הֶער אִיךְ מֶעהְר נִיט נָאר אָפּ רֵיידֶען פוּן יֶענֶעם,
„אוּנ בֶּעלֵיידִיגֶען יֶענֶעם גָאר אָן אַ שִׁיעוּר;
דֶער פַאר זִיד אִיךְ אוּנ קָאךְ יֶעדֶע מִינוּט,
צוּ זֶעהֶען אַזוֹינֶע עַוְלוֹת קֶען אִיךְ נִיט. —

3.

אִיהְר זָאלְט זֶעהֶען אַמָאהל אַזוֹי וִויא אִיךְ זֶעה,
וִויא שֶׁעהְן דֶעם גַאסְט, נֶעמְט אוֹיף מַיין בַּעל הַבַּיִת;
אִיךְ וֵייס, עֶר פֶערְגִינְט אִיהְם נִיט דָאס גְלֶעזֶעל טְהֶע,
עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוַוארְגֶען מִיט דֶער גְלָאז;

דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט ,
צו זעהען אזא קארגשאפט קען איך ניט —.

4.

אמאל קומט צו־געהן א מענש הונגעריג טויט ,
דיא נשמה פאלט איהם אקארשט ניט ארויס ,
דער ווירטה- גיט איהם טהע—און ווייסט גוט זיין נויט ,
מיט דעם קומט ער אפ— מיט דעם געהט ער ארויס ;
דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט ,
וויא האט א מענש אויף יענעם קיין רחמנות ניט ? —

5.

אמאל מאכט אדאממע מיין ווירטהין א בעזוך ,
דיא גיט איהר טהע— טרונקט ליעבע מיינע !
און אז זיא געהט אוועק , וואס זאגט זיא דער נאך :
טאמער ווייסט איהר ? וואס קריכט צו מיר אט דיא
פאננע . . . ?

דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט ,
צו זעהען אזא פאלשקייט קען איך ניט .—

6

ווארט נאר אויס—איך זעה נאך מעהר ,
אמאל קומט צו־געהן א מענש מיט אוויזיט ;
מ'שפעט , מ'לאכט , און מ'מאכט פון איהם א בער ,
און ער זיצט און עס טריפט זיך איהם געביך דאס בלוט ;



דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט ,
יענעם מבייש זיין טאר מען זיך ניט .

7

אמאל טרינקט מען טהע גאר גאנץ רייך ,
אין ווינער גלעזער און מיט טהייערע שאלען ;
און שולדיג איז מען טאקי גאר א סך ,
בעלי חובות מאנען און ס'איז ניט דא צו צאהלען ;
דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט ,
אויף יענעמ'ס סטשאט צו לעבען טאר מען ניט .

8

אמאהל זעה איך ביא דער טהע אגאנץ שעהנע סצענע ,
וויא דיא ווירטהין קריגט זיך מיט'ן בעל הבית ;
ער רעד מיט איהר גוט דאכט זיך— און יענע
חאפט און פארעט איהם אפ מיט דער גלאז ;
דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט ,
א ווייב געבען אזא וואלנאסץ דארף מען ניט . . .

9.

איך וועל אייך פרעגען א קשיא — אז דיא ווירטהין איז שעהן ,
און אז דער מאן געהט אוועק הייסט זיא זיך אשת איש ;
און אז זיא בלייבט אמאל מיט דעם גאסט אליין ,
פאר וואס קומט איהם נאך אזא געשמאקען קוש ?

דער פאר זיד איך און קאך יעדע מינוט,
צו זיין אזוי אום ערענטליך טויג זיך ניט...

10

וואס איז דאס!? — וואס האסט דו זיך צו מישען?
ווייסט וואס היינטיגע צייט קומט דער פאר?
וואס הארט דאס דיך וואס דארט וויל מען זיך קושען.
משרת נעם גיך צו דעם סאמאוואר;
זאלסט ניט זידען און קאכען יעדע מינוט,
אין פרעמדע עסקים מישט מען זיך ניט! —.

---

# רבקה׳ס טויט

---

דער מדרש שרייבט: אז רבקה איז געשטארבען האט מען זיא געמוזט מקבר זיין ביא נאכט כדי עשו זאלל ניט זעהען און וועט וועללען נאך געהן נאך דער מטה וועט מען זיא פלוכען פאר וואס זיא האט אזא זוהן געהאט, — יעקב איז ענטלאפען קיין חרן און יצחק איז געוועז שוין אלט איז קיי-נער ניט נאכגעגאנגען נאך דער לויה. —

1.

ס׳איז נאכט — אין הימעל זעהט מען ניט קיין שטערין,
עס איז א פחד אויף דיא גאס ארויס צו־געהן;
שווארצע וואלקען גיסען דראבנע טרערין,
און דער ווינד זיפצט צו מיט א געוויין.



2.

א מת א מת ערשט ניט לאנג געשטארבען,
נאר עטליכע מענשען געהען טריט בייטריט;
און טראגען דעם טויט אצונד אפרישען קרבן,
עס איז אונזער מוטער רבקה — ווער קען זיא ניט?

3

אן איין עולם און אן א לויה,
ניט דא קיין מאן קיין קרוב און קיין פריינד,
ניט דא קיין זוהן קיין טאכטער קיין געטרייע,
זייא זאלען נאך געהן נאך דער מטה היינט.

4

יצחק האט אפילו זיין וויטיג ניט געקענט זעהען,
בלינד איז ער פון צרות און פון נויט;
ער האט נאר געהערט דיא לעצטע ביטערע געשרייען,
ווען דיא שלאפע האט זיך געבארעט מיט דעם טויט.

5.

יעקב איז דערנמאהלט פון דער היים ענטלאפען,
ער בלאנדזעט ערגעץ דארט אין וואלד אליין,
און ווייסט נאך גאר ניט וואס איהם האט געטראפען,
ער שלאפט זיך נעביך אויף איין הארטען שטיין.

6.

יַעֲקֹב, יַעֲקֹב! דִּיר חָלוֹמְט זִיךְ נִיט מִן הַסְּתָּמָא,
לִיגְסְט אוּנ שְׁלָאפְסְט אִין פַּחַד אוּנ אִין שְׁרֶעק;
שְׁטֶעה אוֹיף דוּא יָתוֹם הָאסְט שׁוֹין נִיט קֵיין מַאמֶע.
אוֹיף עֶבִּיג טְרָאגְט מֶען זִיא שׁוֹין דָּארְט אַוֶועק.

7

נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאךְ אַזַא גֶעטְרַייֶע מוּטֶער,
זִיא זָאל לַיידֶען פַאר קִינְדֶער אַזַא פַּיין אוּנ שְׁמֶערְץ;
אִיהְר מַאמֶעס! וָואס אַייךְ קוּמֶען זִיךְ אָן קִינְדֶער בִּיטֶער,
נָאר אִיהְר קֶענְט פִיהלֶען אֶמֶת טַאקִי אִיהְר הֶערְץ.

8

וִויפִיל צָרוֹת הָאט רִבְקָה אוֹיס גֶעלִיטֶען,
אֵיידֶער זִיא הָאט אַ קִינְד גֶעפּוּעֶלְט בַּייא גָאט;
אוּנ אַז זִיא הָאט זַייא קוֹים מִיט טְרֶעהְרִין אוֹיס־גֶעבֶּעטִין,
הָאט זִיא נָאךְ מֶעהר וֵוייטִיגֶען גֶעהַאט.

9

יַעֲקֹב אִיז אִיהְר גֶעוֶוען אַיינְגֶעבַּאקֶען אִין הַארְצִין,
אֵיין עֶרְלִיךְ קִינְד גֶעלֶערְנְט אִין דֶער קְלוֹיז;
אוּנ פַאר עֵשָׂו'ן הָאט אִיהְר בֶּעדַארְפְט דָאס פָּנִים שְׁוַארְצִין,
מֶען הָאט זִיא גֶעשָׁאלְטֶען אִין יֶעדֶען הוֹיז.



10

עֵשָׂו וָואלְט גֶערְן דֶעם צוּ רִיסֶען,
עֶר וָואלְט זִיךְ נִיט גֶעקִיהלְט אִין יַעֲקֹב'ס בְּלוּט;
וֶועה דֶער מַאמֶע אַז זִיא דַארְף דָאס אַלְדִינְג ווִיסֶען,
אוּנ הֶעלְפֶען קֶען זִיא גֶעבִּיךְ נִיט.

11,

„אַנְטְלוֹיפֶען אִיז דִיא בֶּעסְטֶע עֵצָה לְעֵת עַתָּה
—אַזוֹי הָאט זִיא אִיהם בַּאלֵייט מִיט אַ גֶעוֵויין —
עֶנְטְלוֹיף מַיין זוּהְן. אִין הִימֶעל לֶעבְּט דַיין טַאטֶע,
אוּנ וָואס מִיט מִיר וֶועט זַיין וֵוייסְט נָאר גָאט אַלֵיין.

12.

„אוֹי מַיין קִינְד! עֶס אִיז זִיךְ מִיר אִין צְוֵוייֶען בִּיטֶער,
זָאלְסְט בְּלַייבֶּען אִיז שְׁלֶעכְט—נָאךְ עֶרְגֶער אַוֶועק צוּ גֶעהְן;
פַארְגֶעס חָאטְשׁי נִיט מַיין זוּהְן דַיין טְרַייֶע מוּטֶטֶער,
וֶוער וֵוייסְט צוּ מִיר וֶועלֶען זִיךְ נָאךְ זֶעהֶען.

13

וֵויין נִיט— הָאט עֶר גֶעזָאגְט: מַאמֶע מַיינֶע גֶעטְרַייֶע,
מִיר וֶועלֶען זִיךְ נָאךְ זֶעהֶען מִיט נַחַת אוּנ אִין פְרֵייד;
הַיינְט קֶען עֶר אֲפִילוּ נִיט זַיין בַּייא דֶער לְוָיָה,
עֶר זָאלל זִיא אָן־קוּקֶען חָאטְשׁי טוֹידְטֶערְהֵייט—.

14.

אֵיידֶער עֶס הָאט נָאר אָן־גֶעהוֹיבֶּען טָאג צוּ וֶוערִין ,
הָאט מֶען שׁוֹין גֶעלֵייגְט אוֹיף אִיהְר דֶעם שְׁוֶוערן שְׁטֵיין ;
שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶען הָאבֶּען אִיהְם בֶּעגָאסֶען מִיט דְרָאבְּנֶע
טְרֶערִין ,
אוּנ דֶער ווִינְד הָאט צוּ־גֶעזִיפְּצְט מִיט אַגֶעוויין —.

---

# דֶער מַלְאָךְ׃

שעל כרחך אתה חי וכו׳ ועל כרחך אתה עתיד
ליתן דין וחשבון וכו׳ (אבות פרק ג׳).

---

## א

## דִיא יוּנְגֶע נְשָׁמָה׃

1

גֶעשְׁלָאפֶען אִיז אַלֶעס , הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז גֶעוֶוען ,
קֵיין שׁוּם בְּרִיאָה הָאט זִיךְ גֶערִיעֶרְט ;
נָאר דִיא זִילְבֶּערְנֶע לְבָנָה אֵיינֶע אַלֵיין ,
הָאט זִיךְ צְווִישֶׁען דִיא שְׁטֶערֶען שְׁפַּאצִיעֶרְט.

2

דֶענְמָאהְלְס וֶוען דֶער שְׁלָאף מִיד מַאכְט ,
פֶערְשְׁלִיעסְט אַלֶע מֶענְשֶׁענְס אוֹיגֶען ;



אִיז פוּן דֶעם הִימֶעל אִין דֶער הַאלְבֶּע נַאכְט ,
אַ מַלְאָךְ אַרָאפּ גֶעפְלוֹיגֶען .

3.

אוּנ אוֹיף דִיא הֶענְד צוּ־גֶעטוּלֶעט צוּ זִיךְ ,
הָאט עֶר אַ יוּנְגֶע נְשָׁמָה גֶעטְרָאגֶען ,
וָואס ווִילְסְט דוּ פוּן מִיר ? — וואוּהִין טְרָאגְסְט דוּ מִיךְ ? —
הֵייבְּט אִיהְם אָן דִיא נְשָׁמָה צוּ זָאגֶען —

4.

וָואס נֶעמְסְט דוּ מִיךְ צוּ פוּן פְרֵייליכֶען הִימֶעל ?
וואוּהִין שְׁלֶעפְּסְט דוּ מִיךְ אַזוֹי גֶעשְׁווִינְד ?
עֶפֶּעס הֶער אִיךְ אַ רַעשׁ אַ גֶעוַואלְד אַ גֶעטוּמֶעל ,
עֶפֶּעס נַייעֶ לוּפְט פִיהְל אִיךְ אַצוּנְד — ?

5.

—הָאבּ נִיט מוֹרָא נְשָׁמָה׳לֶע מַיינְס ,
—הֵייבְּט אִיהְר אָן דֶער מַלְאָךְ אַיין־רֵיידֶען—
אִיךְ וֶועל דִיךְ בֶּעזֶעצִין אִין אַ הַייזִיל אַ פַּיינְס ,
דוּא וֶועסְט דָארְט לֶעבֶּען אִין פְרֵיידֶען —.

6.

מִיט אַ נַייעֶם נָאמֶען וֶועט מֶען דִיךְ קְרוֹינֶען ,
מֶענְשׁ וֶועסְט דוּא הֵייסֶען — פֶערְשְׁטֶעהְסְט וָואס אִיךְ
מֵיין ? —

צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען וֶועסְט דוּ דָארְט וואוֹינֶען ,
אוּנ זָאלְסְט דִיךְ דָארְט מֶענְשְׁלִיךְ בַּאגֶעהן .

7.

אַז דוּא וֶועסְט אָן־הוֹיבֶּען בֶּעסֶער דִיא וֶועלְט צוּ־פֶערְשְׁטֶעהן,
וֶועט מֶען דִיר גֶעבֶּען אַ טְהַייעֶרֶע קָמֵיעַ ,
אַ נַייעֶס וָואס דוּא הָאסְט בִּיז אַהֶער נִיט גֶעזֶעהֶען ,
זִיא הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען מַטְבֵּעַ... —

8.

אָה! מִיט אִיהְר דַארְפְסְט זִיךְ הִיטֶען וִויא צוּ בַּאגֶעהן ,
זִיא אִיז מַאגְנֶעט , זִיא אִיז כִּישׁוּף , זִיא אִיז גֶעלְד ! —
זִיא קֶען דִיר גֶעבֶּען דִיא וֶועלְט צוּ זֶעהֶען ,
זִיא קֶען דִיר פֶערְווִיסְטֶען דַיין וֶועלְט .

9

אָט וֶועל אִיךְ דִיר אַבִּיסֶעל וַוייזֶען אוֹיפ'ן אָרְט ,
וָואס פַאר זַאכֶען דִיא מַטְבֵּעַ טְהוּט אָפּ ;
הוּנְטֶער אוּנְז זֶעהְסְט דוּ אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט דָארְט ,
קוּק־זְשֶׁע וִויא אִיךְ וַוייז דִיר אַרָאפּ .

10

זֶעה—אוֹיפ'ן בֵּית הַקְבָרוֹת אָט שְׁטֵייט אֵיינֶער ,
אוּנ הָאט פוּן קֶבֶר אַ מֵת אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט ,
דִיא חַבְרִיכִים צִיהְט עֶר אִיהְם אָפּ פוּן דִיא בֵּיינֶער ,
עֶר וִויל זֵייא פֶערקוֹיפֶען פַאר־גֶעלְד .



11.

נֶעבִּין דֶער שׁוּהְל , זֶעה—דָארְט זִיצְט ,
אַ יְתוֹמָה אוּנ פְרִיעֶרְט נֶעבִּיךְ פַאר קָאלְט ,
אָפְּיֶעקוּנֶעם הָאבֶּען אִיהְר אַרוֹים גֶעשְׁמִיצְט ,
אוּנ הָאבֶּען בֶּערַאבֶּעוֶועט אִיהר־גֶעלְד .

12

דָארְט פָּארְט זִיךְ אַ סוֹחֵר אִין אַ וָואגֶען אַ בְּרֵייטֶען ,
מִיט זַיין סְחוֹרָה פֶערְוִויקֶעלְט פֶערְשְׁטֶעלְט ,
זֶעה—וִויא מְ'פִיהְרְט אִיהם שׁוֹין דָארְט אִין קֵייטֶען ,
עֶר הָאט פִיעֶל גֶעזִינְדִיגְט פַאר־גֶעלְד .

13

קוּק אִין אַ שְׁטוּב זִיצֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט ,
מֶענְשֶׁען—פְרוּמֶע אֵיינְס אִין דֶער וֶועלְט ,
דָא זִיצְט דָאס קָהָל מְ'קְלֶערְט מְ'טְרַאכְט ,
מֶענְשֶׁען פֶערקוֹיפֶען פַאר־גֶעלְד .

14

אוּנ אֵיינֶער פִיהְרְט זֵייא דָארְט בַּייא דִיא נָאז ,
אוּנ טְהוּט מִיט זֵייא וָואס אִיהְם גֶעפֶעלְט ,
עֶר אִיז דֶער שְׁטָאט־בַּעל־הַבַּיִת עֶר טְהוּט אַלֶעס בֶּעז ,
אוּנ בֶּעגְרָאבְט זֵייא אַלְץ מִיט זַיין־גֶעלְד .

15

דָא זִיצְט אֵיינֶער אוּן טְרִינְקְט מִיט זַיין חַבָר וַויין,
אוּן רֵייד מִיט אִיהם פְרֵיינְדלִיך אוּן קְוֶועלְט;
קוּק—עֶר טְהוּט אִיהם סַם אִין בֶּעכֶער אַרַיין,
דָא דַארְף עֶר בַּייא אִיהם יַרְשֶׁענֶען־גֶעלְד.

16.

דָארְט שְׁלָאפְט זִיךְ אַ גְבִיר אִין זַיין סְפַּאלְנֶע אַלֵיין,
קוּק—רוֹצְחִים בֶּעלֶעגֶערִין זַיין גֶעצֶעלְט;
זֵייא וֶועקֶען אִיהם פוּן שְׁלָאף, קְרִיצֶען מִיט דִיא צֶאהן,
„—דֶעם שְׁלִיעסֶעל גִיב אוּנְז פוּן דַיין־גֶעלְד!! —"

17.

זֶעה! זֵייא נֶעמֶען שׁוֹין מֶעסֶערְס אַפִיר,
זֵייא קוֹילֶען אִיהם שׁוֹין בִּיז אַ־נ־עֶק;
וָואס וַוארְפְּסְט זִיךְ נְשָׁמָה'לֶע? וָואס אִיז מִיט דִיר?
וָואס צִיטֶערְסְט דוּ עֶפֶּעס פַאר שְׁרֶעק? —

18

„—נֵיין הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ אִיךְ בִּין נִיט גֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם,
„מִיט אַזַא וֶועלְט קוּם אִיךְ נִיט אוֹיס,
„פִירר מִיךְ, אִיךְ בֶּעט דִיךְ בֶּעסֶער אָפּ אַהֵיים,
„אִיךְ זֶעה דָא קֵיין גוּטְס אַרוֹיס! —"



19

„—נֵיין קִינְד דוּא הָאסְט נָאר חֶסְרוֹנוֹת גֶעזֶעהֶען,
אַז מִיט אוּנְגֶערֶעכְט ווִילל מֶען וֶוערֶען אֵיין עוֹשֶׁר;
דוּא קֶענְסְט דִיר לֶעבֶּען זֶעהְר רוּהִיג אוּן שֶׁעהְן,
דוּא זָאלְסְט דִיךְ נָאר פִיהרֶען מִיט יוֹשֶׁר.

20.

זָאלְסְט לִיעבֶּען דַיין חַבֶר וִויא דִיךְ אַלֵיין,
מֵיין נִישְׁט—אַלְדִינְג קוּמְט נָאר אִין מִיר,
הֶעלְף אִיהם עֶפֶּעס מִיט, וֶוען עֶר אִיז גֶעמֵיין,
פַארְגִין אִיהם—וֶוען עֶר אִיז רַייכֶער פַאר דִיר.

21.

מִיט יוֹשֶׁר אוּן נַחַת לֶעבּ דִיר אַזוֹי,
דָאס לֶעבֶּען אִיז דָאךְ אַ קְלֵיינֶע בְּרִיק;
דִיא צַייט טְרָאגְט דִיא יָאהרֶען וִויא דֶער ווִינְד אַ שְׁטְרוֹי,
אָט אָט בַּאלְד בִּיסְט דוּ וַוייטֶער צוּרִיק.

22

גֶעה מַיין קִינְד, גֶעה דִיר אַבִּיסֶעל שְׁפַּאצִירֶען,
גֶעה טַאנְץ דִיר אַבִּיסֶעל אַרוּם;
נָאר זָאלְסְט נִיט צוּ הוּלֶיען צוּ שְׁטִיפֶּען, פֶערְפִירֶען,
זָאלְסְט קוּמֶען אַהֵיים אָן אַ מוּם.

23

דָאס אִיבֶּערִיגֶע דַארְף אִיךְ דִיר מֶעהר נִיט זָאגֶען,
וֶועסְט אַלֵיין זַיין דֶערְבַּייא, וֶועסְט קוּמֶען דֶער צוּ;
וָוארוּם וֶועה! אִין מִזְרָח זַייט הֵייבְּט שׁוֹין אָן טָאגֶען,
אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֶעהְן אִין מַיין רוּה.

* *
24
*

אוּנ אַז דֶער הָאן הָאט גֶעגֶעבֶּען דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְרֵייא,
אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן אַקִיבְּפֶּעטָארִין,
„מַזָל טוֹב"! — הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵייא,
אַ יוּנְגֶעלֶע צוּ לַאנְגֶע יָאהְרִין.

25

אוּנ אַז דָאס קִינְד הָאט גֶעגֶעבֶּען דֶעם עֶרְשְׁטֶען חִלִיפ,
ס'הָאט נָאךְ נִיט גֶעעֶפִינְט דִיא אוֹיגֶען,
הָאט אִיהם דֶער מַלְאָךְ גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁנֶאל אוֹיף דֶער לִיפּ,
אוּנ אִיז צוּרִיק צוּם הִימֶעל גֶעפְלוֹיגֶען —.

---



# ב
## דִיא אַלְטֶע נְשָׁמָה

1

גֶעשְׁלָאפֶען אִיז אַלֶעס, הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז גֶעוֶוען,
קֵיין הוּנְד הָאט שׁוֹין אוֹיךְ נִיט גֶעוָואיֶעט;
אִין דְרוֹיסֶען הָאט גֶעמְרַאקֶעט, אוּנ מִיט אַ גֶעוֵויין,
הָאט דֶער ווִינְד אִין דִיא קוֹימֶענְס גֶערָאיֶעט —

2

דֶענְמָאהְלְס וֶוען דֶער שְׁלָאף מִיד מַאכְט,
פֶערְשְׁלִיעסְט אַלֶע מֶענְשֶׁענְס אוֹיגֶען;
אִיז פוּן דֶער עֶרְד אִין דֶער הַאלְבֶּע נַאכְט,
אַ מַלְאָךְ צוּם הִימֶעל גֶעפְלוֹיגֶען.

3.

אוּנ אוֹיף דִיא הֶענְד צוּ־גֶעטוּלֶעט צוּ זִיךְ,
הָאט עֶר אַ אַלְטֶע נְשָׁמָה גֶעטְרָאגֶען,
וָואס אִיז הַא? — וואוּהִין טְרָאגְסְט דוּ מִיךְ? —
הֵייבְּט אִיהְם אָן דִיא נְשָׁמָה צוּ זָאגֶען —

4.

וָואס נֶעמְסְט דוּ מִיךְ צוּ פוּן דֶער וֶועלְט? אוֹי וֶועה! —
„גֶעוואַלְד! וואוּהִין ווִילְסְט דוּ מִיךְ פֶערְטְרָאגֶען;

„וואַרְט נָאר אַבִּיסֶעלֶע, שְׁטֶעה נָאר שְׁטֶעה ;
„אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ עֶפֶּעס צוּ זָאגֶען —. ;

5.

הַא — זָאגְט דֶער מַלְאָךְ — הָאסְט זִיךְ פָּאפַּארֶעט אִין דִיא הֶאנְד !

דוּא הָאסְט גֶעמֵיינְט, דוּא וֶועסְט אֵייבִּיג לֶעבִּין ;
וִויא אַזוֹי הָאסְט דוּא דָאס דִיא וֶועלְט גֶעבְּרֶענְט,
גִיךְ — זָאלְסְט דוּ מִיר חֶשְׁבּוֹן אָפּ גֶעבֶּען !.

6.

„—וָואס אִיז ? — נָאךְ מַיין חַתוּנָה בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אַ חַלְפֶן,
„אַז קֵיין מִסְחָר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין דִיא הֶאנְד ;
„דָאס אֵיינְצִיגֶע הָאט מִיר דֶענְסְמָאהל גֶעהָאלְפֶען,
„אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעלֶעבְּט פוּן פְּרָאצֶענְט —.

7

„אוּן אַז וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען מִיךְ בֶּעפַאלֶען,
„הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהֶעכֶערְט מַיין הַאנְדֶעל ;
„אַשְׁטֵייגֶער, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַבַּעֲלִין,
„צוּ נֶעמֶען פִינְף גִילְדֶען פוּן רֶענְדִיל.

8

קַארְג טוֹבוֹת הָאבּ אִיךְ מֶענְשֶׁען גֶעטְהוּן אַמָאל,
אִיךְ הָאבּ זֵייא גֶעהָאלְפֶען אִין אֵיין נוֹיט ;

מְ'הָאט מִיר נָאר בֶּעדַארְפְט זָאגֶען אֵיין מָאהל,
הָאט מֶען שׁוין גֶעהַאט אוֹיף בְּרוֹיט! —

9.

שְׁוַויג! — זָאגְט דֶער מַלְאָךְ, דוּא מֶעגְסְט שׁוין שְׁטוּמֶען! —
אַ טוֹבָה הָאסְט דוּ אַ מֶענְשֶׁען גֶעטְהוּן אִין אַ נוֹיט,
אוּנ זַיין טַלִית אוּנ בֶּעטְגֶעוַואנְד הָאסְט דוּ נִיט פַארנוּמֶען,
אוּנ גֶעשׁוּנְדֶען פַאר דֶער טוֹבָה דִיא הוֹיט? —

10

—מֵילָא, וָואס אִיז? — אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אִין־פַאלל,
אַ טַלִית, אַפָּאר לַייכְטֶער מֶעשֶׁענֶע;
דָאס מוּזְט דוּ וִויסֶען, אִיז בַּייא מִיר אַ אֵייבִּיגֶער כְּלַל:
מַשְׁכּוֹן בְּבַיִת שָׁלוֹם בְּקֶעשֶׁענֶיע.

11.

אָבֶּער הָאסְט דוּ דִיא תְּפִלָּה פוּן מַיין וַוייבּ גֶעהֶערְט,
וֶוען זִיא פְּלֶעגְט אִין דִיא לַייכְטֶער לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען;
אוּנ מַיין דַאוֶוענֶען אִין טַלִית הָאט אַ קְלֵיינֶעם וֶוערְטְה,
הָאסְט נָאךְ גֶעהֶערְט אַזַא דַאוִוינֶען פוּן מֶענְשֶׁען? —

12

יָא צַדִיק! — אִיךְ הָאבּ דֶעם קַבְּצָן גֶעזֶעהֶען,
זִיךְ שֶׁעהמֶען אָן דֶעם טַלִית פַאר מֶענְשֶׁען;
אוּנ פוּן זַיין וַוייבּ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דָאס גֶעוֵויין,
וֶוען זִיא פְּלֶעגְט אִין לֵיימְלִיךְ לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען —.

13

„—נָא אוּנ דִיא מִצְוָה הָאט גָאר קֵיין װָערְטְה ? —
וָואס אִיך הָאבּ זִיךְ נִיט גֶעפִּיהְרְט וִויא דִיא דַייטְשֶׁען ;
אוּנ הָאבּ טָאג אוּנ נַאכְט אִין חוּמָשׁ גֶעקְלֶערְט,
אִיךְ זָאלל אִיהם קֶענֶען גוּט פֶערטַייטשֶׁען — . . .״

14.

שְׁטִיל רָשָׁע ! — דִיא תּוֹרָה הָאסְט דוּ גֶעהַאט אִין זִינֶען ?
וָועמֶען וִוילְסְט דוּ אַפִּיקוֹרְסָן דֶער־צֵיילֶען ;
דִי פַּרְשִׁיּוֹת הָאסְט דוּ בֶּעדַארְפְט דָארְט גֶעפִינֶען,
זָאלְסְט קֶענֶען דִיא וָואכֶערְס צוּ־טְהֵיילֶען —.

15

—אוּנ פַאר דֶער מִצְוָה הָאבּ אִיךְ קֵיין שָׂכָר צוּ הָאפֶּען,
זִיא זָאל מִיר גָאר נִיט בֶּעצָאהלְט וָוערֶען ? ;
וָואס אִיךְ בִּין אִין אַללֶע קְלַייזְלִיךְ גֶעלָאפֶען,
קְדוּשָׁה אוּנ בָּרְכוּ צוּ הֶערֶען ? — . . .

16

אוֹי ! — וִויא מְ׳הָאט קֵיין חַרְפָּה קֵיין בּוּשָׁה,
אַ בָּרְכוּ הָאסְט דוּ גֶעוָואלְט דָארְט חַאפֶּען ? —
דוּא הָאסְט אֲפִילוּ אִין זִינֶען גֶעהַאט דִיא קְדוּשָׁה,
הָאסְט גֶעוָואלְט דַיין בַּעַל חוֹב דָארְט דֶער־טַאפֶּען ?—.

17

נָא—אוּן דִיא מִצְוָה זָאל גָאר וֶוערֶען פֶערְלָארֶען,
וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפַאסְט יֶעדֶען תַּעֲנִית? —
אִיךְ בִּין זִיךְ דִיא טֶעג פָּשׁוּט קְרַאנְק גֶעוָוארֶען,
אַ טוֹידטֶער בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בְּנֶאֱמָנוּת —

18

טוֹיְדט!? — פוּן כַּעַס, פוּן שְׁוִוינְדֶעל, אַקאטָוֶועת,
דוּא הָאסְט דֶעןְנְסְטְמָאל אִין זִיְנֶען גֶעהַאט עֶסֶען?
קַארְג שְׁוִוינְדְלֶען הָאסְט דוּ בֶּעדַארְפְט מִיט הַלְוָאוֹת,
קַארְג מֶענְשֶׁען־פְלֵייש הָאסְט דוּ גֶעפְרֶעסֶען? . . .

19

נָא—שֶׁענְק זְשֶׁע מִיר, אִיךְ בֶּעט דִיךְ דָאס הַיינְטִיגֶע מָאהל,
נֶעם מִיךְ נִיט צוּ אִין מִיטֶען;
אִיךְ הָאבּ נָאךְ וֶועקְסְלֶען גֶעלָאזְט אָן אַ צָאהל,
אוּן הָאבּ גֶעלָאזְט נָאךְ אַסַךְ פָּא . . . פָּאזִיטֶען . . .

20

קוּם! — שְׁרַייעט דֶער מַלְאָךְ — קוּם קוּם שׁוֹין גִיכֶער,
אִיךְ וֶועל דִיר דָארְט וַוייזֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת;
מִיר וֶועלֶען זִיךְ בֶּערֶעכֶענֶען דָארְט אִין דִיא בִּיכֶער,
וָואס קוּמְט דִיר אַרוֹיס פוּן דִיא עֲוֹנוֹת! . . .

21.

וָואס—עֲוֹנוֹת? — וָואס הֶער אִיךְ אַצוּנְד,

עֲוֹנוֹת? — וָואס קֶען דָאס זַיין פַאר אַ זַאךְ?

ס'טַייטְשׁ צוּ תַּשְׁלִיךְ הָאבּ אִיךְ אַלֶּע זִינְד,

גֶעוָוארְפֶען אִין טַייךְ אַרַיין גְלַייךְ? —

22.

דָאס אִיז פַּאק דִיא מַכָּה וָואס דוּ הָאסְט אִין טָעוּת גֶעלֶעבְּט,

דוּא מֵיינְסְט אַז דוּא טְרֶעסְילְסְט דִיא פָאלֶע,

הָאבֶּען זִיךְ פוּן דִיר דִיא זִינְד אָפּ־גֶעקְלֶעבְּט,

אוּנ אִין טַייךְ זֶענֶען גֶעפַאלֶען אַלֶּע.

23

נֵיין—דִיר הָאט מֶען אַ שְׁפִּיגֶעל גֶעוִויזֶען בַּיים טַייךְ.

זָאלְסְט קוּקֶען אִין דֶער וַואסֶער אַרַיין,

אַז דוּא שְׁלִינְגְסְט דַיין חָבֵר אַיין— אַזוֹי גְלַייךְ,

וִויא אֵיין פִישׁ שְׁלִינְגְט דֶעם אַנְדֶערן אַיין—.

24

אוּנ אַלֶּע עֲוֹנוֹת הָאסְט דוּ מִיט דִיר פַיינֶער לַייט,

עֶס אִיז מִיר אַזשׁ שְׁוֶוער דִיךְ צוּ טְרָאגֶען;

נָאר קוּם שׁוֹין קוּם אִיךְ הָאבּ יֶעצְט קֵיין צַייט,

אִין מִזְרָח זַייט הֵייבְּט שׁוֹין אָן טָאגֶען—.

*   *

25

*

אונ אַז דֶער הָאן הָאט גֶעגֶעבֶּען דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְרֵייא,
אִין אַ שְׁטוּבּ וְויא אַ קְרַאנְקֶער אִיז גֶעלִיגֶען;
-גֶעשְׁטָארְבֶּען!! — הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵייא,
„בָּרוּךְ דַיָין אֱמֶת!" — הָאבֶּען אַלֶע גֶעשְׁרִיגֶען.

26

בַּאלְד אִיז גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיס גֶעוויין,
אַ יָאמֶער אַ קְלָאג אַ גֶעטוּמֶעל,
ווִיא דֶער מַלְאָךְ הָאט דָאס דֶער־זֶעהֶען,
אִיז עֶר מִיט דֶער נְשָׁמָה אַוֶועק אִין הִימֶעל.

# דֶער פָּאטְשְׁטַאלְיָאן

1

הוֹיךְ קְלִינְגְט דָאס פָּאטְשְׁטָאוֶוע גְלֶעקִיל,
אַפָּאטְשְׁטַאלְיָאן פָּאהְרְט אוֹיף דֶעם שְׁלְיַאךְ:
אונ מִיט זִיךְ פִיהְרְט עֶר אַ פֶּעקִיל,
אָן־גֶעשְׁטָאפְּט מִיט בְּרִיעף אַ סַךְ.

2

אִין דֶעם פֶּעקִיל אִין דֶעם קְלֵיינֶעם ,
לִיגְט פִּיעֶל שְׁלֶעכְטְֶם אוּנ אַלְדֶעם גוּט ;
סְ'לִיגְט אוֹיךְ אוֹיס־גֶעמִישְׁט אִין אֵיינֶעם ,
אִי בַּאנְקְרָאטְסְטֶווע אִי קְרֶעדִיט .

3

אֱמֶת'ע פְרַיינְדְשַׁאפְט לִיגְט צוּ־זַאמֶען ,
צוּ בֶּעקֶענְטֶע אוּנ נִיט בֶּעקֶענְטֶע ,
אוּנ צוּ מַאנֶען פוּן פִּיל דַאמֶען ,
פַאלְשֶׁע לִיעֶבֶּעס קָאמְפְּלִימֶענְטֶע —.

4

גְרָאבֶּע יוּנְגֶען גְבִירִים שֶׁעהְן בֶּעשְׁרַייבֶּען ,
גֶייפִּינְט מֶען דָארְט חֲנִיפָה רֵייד ;
אוּנ אַמָאהְרֶדֶע אֵיינֶעם רַייבֶּען ,
לִיגְט שׁוֹין אֵיין אַרְטִיקֶעל גְרֵייט —.

5.

אוֹיף אִימְיַאנִינֶעם אוֹיךְ בִּילֶעטֶען ,
אֵיין הֶסְפֵּד , אִין אַ בֵּייזֶער שָׁעָה ;
אוּנ אַזוֹי אַ סַךְ סֶעקְרֶעטֶען ,
אוּנ—וָואס אִיז דֶען דָארְט נִיט דָא —.

6.

וִויא אֵיין הֵיילִיגֶער שְׁלִיחַ,
אָן־גֶעשִׁיקְט פוּן גָאטט אַלֵיין,
לוֹיפְט עֶר אוֹיס־צוּ־טְהֵיילֶען גִיךְ,
שְׁמֶערְצֶען, פְרֵיידֶען, אוּנ גֶעוֵויין —.

7.

עֶר פָאהְרְט אִין שְׁטָאדט אַרֵיין שׁוֹין גְלַייךְ,
דָאס פֶערְד אִיז מִיד, עֶר קְרִיכְט אַרָאפּ;
אִיהְם גֶעהט נִיט אָן דִיא מִינְדֶסְטֶע זַאךְ,
עֶר רוּהֶעט זִיךְ אִין זַיין הֵיים שׁוֹין אָפּ.

8

דָא עֶפֶענְט זִיךְ אֵיינֶעם שׁוֹין אַ קֶבֶר,
אַ שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרָה הָאט עֶר דֶער־הֶערְט;
דָא צִיטֶערְט אֵיינֶעם אִיטְלִיכֶעם אֵבֶר,
מְ'לֵייגְט זַיין כָּבוֹד טִיעֶף אִין דֶער עֶרְד.

9

דָא זִינְגְט מֶען גָאר אוֹיפ'ן הוֹיכֶען טָאהן,
אוּנ כּוֹסוֹת מַאכְט מֶען אַזוֹי פַיין;
וואוּ־זְשֶׁע אִיז אוּנְזֶער פָּאטְשְׁטַאלְיָאן?
עֶר חְרַאפֶּעט שׁוֹין לַאנְג אוֹיף דֶעם טְשָׁאלָאן! —

---

# דָאס פֶערְזָארְגְטֶע בַּעַל־הַבַּיִת'ל

כמשלם שערי מכדא, נקיש ואתי
תיגרא בביתא (בבא מציעא כט ע"א).

1,

יֶעדֶער הָאט גֶעהֶערְט מִן הַסְתָּם,
אוּנ אֶפְשַׁר גֶעזֶעהֶען מִיט דִיא אוֹיגֶען;
וִויא דֶער ווִינְד טְרַייבְּט אַ שִׁיף אוֹיפְ'ן יַם,
ווִיא זִיא פְלִיהְט פַייל אוֹיס'ן בּוֹיגֶען.
אָבֶּער גִ'יכֶער פוּן אִיהְר פְלִיהֶען גֶעשְׁווִינְד,
מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען אַוֶועק;
ווִיא לַאנְג בִּין אִיךְ גֶעוֶועזֶען אַ קְלֵיין קִינְד,
הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעעֶלְטֶערְט אַ שְׁרֶעק.

2

הַכְּלַל מִיר אִיז גֶעוֶועזֶען גוּט,
פוּן שְׁלֶעכְטְס פוּן דְאָגוֹת רַיין;
ווִיא אַ שֶׁעהְנֶע רוֹיז הָאבּ אִיךְ גֶעבְּלִיהְט,
פְרִישׁ, אוּנ גֶעזוּנְד אוּנ שֶׁעהְן;
הַיינְט הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אָן צוּ קְנֵייטְשֶׁען, צוּ קְרִימֶען,
נִיט דָא דִיא כּוֹחוֹת וָואס פְרִיעֶר;
אַ פְרֶעסְטֶעל הָאט שׁוֹין אוֹיף מַיין קָאפּ גֶענוּמֶען,
מַיין ווִינְטֶער קְלַאפְּט שׁוֹין אִין דֶער טִיר.





3

אַז אִיךְ הָאבּ פוּן דִיא קִינְדֶער לִיעֶדְלִיךְ גֶעהֶערְט:
ווִיא צִיגֶעלֶע מִיגֶעלֶע — אָדֶער־אָבִינוּ מֶלֶךְ,
צוּ אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה, עֶס צוּ זֵיין הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעקְלֶערְט,
אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעזוּנְגֶען גַאנְץ פְרֵיילִיךְ.
הַיינְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעמוּזְט הָאבֶּען כַּוָונוֹת,
בַּיים לִיעדֶעלֶע — הֲרֵי אַתְּ!...
קִינְדֶער, ס'זִינְגְט זִיךְ נִיט בְּנֶאֱמָנוֹת,
אִיךְ ווֵייס שׁוֹין וָואס דָאס בֶּעדַייט —.

4

אַז אִיךְ הָאבּ אוּם פּוּרִים דֶעם גְרֶעגֶער בֶּעקוּמֶען,
הָאבּ אִיךְ דִיא ווֶעלְט צוּ־טְרָאגֶען,
אִיךְ הָאבּ גֶעגְרֶעגֶערְט, אוּנ נָאר אוֹיף דֶערוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען
הָמָן'עֶן טוֹיט צוּ שְׁלָאגֶען;
הַיינְט הָאבּ אִיךְ דֶעם גוּטֶען גְרֶעגֶער פֶערלָארֶען,
אֵיין עֶרְגֶערְן הָאבּ אִיךְ ווִיא פְרִיהֶער;
הָמָן בִּין אִיךְ צוּם אוּם־גְלִיק גֶעוָוארֶען,
זִיא גְרֶעגֶערְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף מִיר.

5.

אִין אַ פָּאר מַייטְקֶעס אַז מְ'הָאט מִיךְ אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט,
אוּנ פוּן הוּנְטֶען הָאט גֶעשְׁטֶעקְט דִיא פַּאטְשֵׁילֶע;

אָט פון דעם קאָסטיאָם וויא האָב איך געקוועלט,
ער איז געווען איך זאָג אייך אַ פּלא.
היינט מוז איך נאָר אויף יענעם גאָר זעהען,
און בעטין דאָס צייג— דאָס געגעה;
דאָס ווייב זאָגט אויך: נאָך דער מאָדע נאָך־געהען,
דיא קעשעניע שרייט אָבער— „שטעה!".

6.

וואָס האָט מיר געפעלט, וואָס האָב איך געזאָרגט,
אַז איך האָב דעם שבת דער־זעהען;
צו האָט דער טאַטע געהאַט צו האָט ער געבאָרגט,
אַבי אַראָסיל־פלייש איז געווען;
היינט רייסט מיך דער דאָנערשטאָג שוין ביי דער פּאָלע,
„אויף מעהל גיט נאָר בעל הבית!"
דער פרייטאָג זאָגט אויך: שטייטש צו דער חלה,
דאַרף מען נאָך דאָס און דאָס..

7

אַז דער רבי האָט מיך געבענשט קליינערהייט,
מיט געזונד עושר, הצלחה;
„אָמן"— האָב איך געזאָגט שטילער־הייט,
ס'זאָל מיר נאָר אָן־געהן דיא ברכה;



מיך בענשען אַז ס'קומט היינט דער פּראָצענטניק צו יאָגען,
מיין איך אויך מיט אָמן אָפּ־קומען;
ניין—זאָגט ער—אָמן וועל איך דיר זאָגען;
און דוא ברודער בענש מיר מזומן..

8

אַקעסטעלע איז מיין וואָגען געווען,
ליאַלקעס האָב איך דאָרט געפיהרט;
פאַר דעם פערדעל בין איך געלאָפען אַליין,
און האָב אַליין גע קאָטשירט;
היינט שפּאַנט מיך דער דלות איין אין אַ וואָגען,
דיא פּרנסה שרייט—וויוא! — צו מיר;
אוי וויסטער קאָטשער! וויא קען איך זיך יאָגען,
אַגעזינדעל זיצט שוין היינט אויף דער פיר—...

9

יעדער האָט געהערט מן הסתם,
און אפשר געזעהען מיט דיא אויגען;
וויא דער ווינד טרייבט אַ שיף אויפ'ן ים,
וויא זיא וואָלט גערין צו־נ־אַברעג צו געפלויגען,
אַזוי טרייבט דיא צייט דיא שיף פון מיין לעבען,
און זיא פליהט אַלץ ווייטער אַוועק,

אִיךְ בֶּעט דִיךְ ווִינְד! זָאלְסְט אַ גוּטֶען בְּלָאז גֶעבֶּען,
אוּנ טְרַייבּ זִיא שׁוֹין צוּ צוּ־נְ־אַבְּרֶעג —.

---

## קַיִן

(נאָך דעם אַז ער האָט געהאַרגעט זיין ברודער הבל).

---

1

ווִיא אַ פוֹיגֶעל פוּן זַיין נֶעסְט,
ווֶערְט גַאנְץ ווַייט פֶערפְלוֹיגֶען;
אִין אַ פִינְסְטֶער אָרְט אוּנ ווִיסְט,
ווַייט פוּן מֶענְשֶׁענְס אוֹיגֶען.

2

אַזוֹי בִּין אִיךְ הַיינְט גֶעווָארֶען,
אָךְ אוּנ ווֶעה צוּ מִיר;
זִינְט מַיין בְּרוּדֶער אִיז פֶערלָארֶען,
אִיז קֵיין רוּה צוּ מִיר.

3.

וואוּהִין אִיךְ קוּם אִין יֶעדֶען אָרְט,
הֶער אִיךְ קוֹלוֹת שְׁרַייעֶן;
עֶנְטְלוֹיף! אַוֶועק! אָט גֶעהט עֶר דָארְט,
אָט גֶעהט דֶער גַזְלָן קַיִן!



4.

דָא שְׁרַייט דִיא עֶרְד: אִיךְ בִּין גֶעווֶען רֵיין,
ווָאס הָאסְט דוּ מִיךְ פֶערפְלֶעקְט?
דָארְט הֶער אִיךְ הֶבֶל'ס קוֹל אַלֵיין:
„ס'הָאסְט דוּ מִיט מִיר בְּרוּדֶער גֶעעֶקְט!".

5.

אִין דֶער בֶּעזֶער שָׁעָה נָאךְ אַצוּנְד,
אַז אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אָן דֶער־מַאנֶען;
ווִיא אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעווָארְפֶען צוּ דֶער עֶרְד גֶעשְׁווִינְד.
אוּנ מִיט דֶער קְנִיע אוֹיף אִיהם גֶעשְׁטַאנֶען.

6.

ווִיא עֶר הָאט גֶעווֵיינְט: אוֹי הָאבּ רַחֲמָנוּת,
לָאז דַיין בְּרוּדֶער יוּנְג נִיט שְׁטַארְבֶּען! —
עֶט—עֶנְטְפֶער אִיךְ—סְ'אִיז קֵיין סַכָּנוֹת,
אוּנ הָאבּ אִיהְם צוּקְלַאפְּט דֶעם שַׁארְבֶּען!! —

7

פוּן דֶענְסְמָאהלְט אָן הָאבּ אִיךְ קֵיין שָׁלוֹם,
אִין גְרֶעסְטֶען שְׁלָאף דֶערִיבֶּער;
זַיין שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁטַאלְט זֶעה אִיךְ אִין חָלוֹם,
עֶר שְׁרֶעקְט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער.

8

דָא זֶעה אִיךְ אִיהְם פַאר מִיר טוּיט אוּנ בְּלֵייךְ ·
וֶוערִים עֶסֶען אִיהְם יֶעדֶעס אֵבֶר ;
דָא שְׁטִיקְט עֶר מִיךְ , דָא וַוארְגְט עֶר מִיךְ ,
דָא שְׁלֶעפְּט עֶר מִיךְ אִין קֶבֶר .

9

אַמָאהל זֶעה אִיךְ אִיהם פַאר מִיר אוֹיסגֶעצוֹיגֶען ,
דֶעם קָאפּ צוּ־בְּרָאכֶען אוֹיף צְוֵייעֶן ;
שְׁוַוארְץ בְּלוּט שְׁלָאגְט אִיהם פוּן דִיא אוֹיגֶען ,
אוּנ אוֹיס־גֶעשְׁלָאגֶען דִיא צֶאהְן .

10

עֶר הֵייבְּט אוֹיף־מִיר אוֹיף , אַ שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁרֵייא ,
דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעטֶאדְט , נִיט קֵיינֶער ;
שְׁטֶעה אוֹיף רוֹצֵחַ , גֶעה נָאר גֶעה ,
בֶּעגְרָאבּ חָאטְשִׁי מַיינֶע בֵּיינֶער ! ! . . .

11.

אִיךְ לוֹיף שׁוֹין אִיבֶּער־בֶּעטִין גֶעשְׁווִינְד ,
זַיין טוֹיט'ן גוּף אַלֵיין ,
אוֹי וֶועה ! צוּ שְׁפֶּעט אִיז שׁוֹין אַצוּנְד ,
נִיט דָא פוּן זַיין גֶעבֵּיין .



12

דִיא ווִילְדֶע חַיּוֹת גָאר אָן מִיה ,
הָאבֶּען גֶעמַאכְט פוּן אִיהְם אֵיין עֶק ;
דִיא שְׁלֶעפְּט אַהַאנְד , דִיא טְרָאגְט אַקְגִיע ,
דִיא שְׁפְּרִינְגְט מִיט זַיין קָאפּ אַוֶועק .

13

זִידֶען , קָאכֶען , זֶעה אִיךְ זַיין בְּלוּט ,
אִיךְ בֶּעט : „נוּא זַייא שׁוֹין שְׁטִיל" ! —
נֵיין , רוּהֶען—זָאגְט עֶס—קֶען אִיךְ נִיט ,
אוּמֶעדוּם מוּז אִיךְ זַיין פוּל ;

14.

אוּמֶעדוּם וֶועל אִיךְ מִיךְ אַלְץ בֶּעקְלָאגֶען ,
גַזְלָן פַארגֶעס נָאר נִיט ! —
אַ בְּ ר וּדֶ ע ר הָאסְט דוּ טוּיט גֶעשְׁלָאגֶען ,
דַיין אֵייגֶען פְלֵייש אוּנ בְּלוּט ! ! —

15.

זַיין שָׂטָן טְרַייבְּט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוּם ,
בִּיז אִין דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה ,
אִיךְ מֵיין שׁוֹין שְׁטֶענְדִיג אָט קוּם אִיךְ אוּם ,
דָאס וֶועט שׁוֹין זַיין מַיין יְשׁוּעָה ;

16

מיין לעבען וואלט איך מיט גרויס נחת,
דעם טויט אוועק געגעבען,
געהט ער דווקא אויף להכעיס,
צו דיא וואס ווילען לעבען.

17

דארט ליגט א כלה קראנק,
א מיידיל פריש און יונג,
צו דער חתונה איז שוין גאר ניט לאנג,
צו געגרייט האט מען אלדינג.

18

קומט דער טויט און זאגט איהר פראסט,
„דוא ביסט מיר שעהן געפעלען;
מיט איין אנדערן האט מען דיך פערקנאסט,
„מיט מיר מוסט דו א חופה שטעלען״! — .

19

דארט איז עלטערן נאר איינס געבליבען,
פון א סך קינדער שעהנע,
דער טויט האט זייא אלע אויס געקליבען,
יעצט וויל ער נאך דאס איינע;



20

דער טאטע גיסט מיט הייסע טרערין —
דיא מאמע איז שוין ביים עק;
ער וויל זייא אבער גאר ניט הערין,
און חאפט דאס אויך אוועק.

21

ער פוילט זיך ניט אוועק צו־טראגען,
גבירים פון שעהנע דירות;
וואס ווייסען יא פון א לעבען צו זאגען,
און לעבען אין גרויס עשירות; .

22

נעם מיך בעסער, טויט, צו דיר,
איך האב פאר דיר קיין מורא —
„צו־וואלוויל— זאגט ער— ביסט דו פאר מיר,
איך האנדעל נאר טהייערע סחורה״ . . .

23

איך זעה שוין דא ניט ארויס קיין נייעס,
איך לויף אין ווילדען ארט,
טאמער וועלען דיא ווילדע חיות,
מיך צו־רייסען דארט.

24

דיא חיה וויל מיך אויך ניט הערין,
איך האב צו־איהר קיין גליק;
זיא דערזעהט דעם צייכען אויף מיין שטערין.
און חאפט זיך גיך צוריק —.

25

דארט לויפט א לייב א ווילדער,
הונגעריג צו זיין רויב;
פון זיין שרעקליך ברומען און געפילדער,
ווער איך אזשע טויב;

26

א דא מיין איך איז שוין מיין עק,
איך גיב איהם מיין קאפ בייסען;
ניין—זאגט ער— געה אוועק,
„ניט דיך דארף איך צו־רייסען.

27

וויא איך וויל נאר ווייטער געהן,
זעה איך א יעגער שפאנען;
פלוצלונג זעה איך בלייבט ער שטעהן,
זיין בויגען אן־צו־שפאנען.



28.

איך שטעל מיין הארץ דער פייל ענטקעגען,
פריילך וויא צו־ן—אשפיל.
זיא נעהמט זיך גאר אין אנדערע וועגען,
„ניט דא, זאגט זיא איז מיין ציעל״...

29

דארט דער־שלאגט א דונער לייט,
זייא פאלען אן א צאהל;
דיא ערד רייסט אויף איהר מויל גאנץ ווייט,
און שלינגט זייא איין מיט א מאהל.

30.

איך וויין פאר איהר און פאל אויף דער קניע,
מאך איין ארט פון קין׳ס וועגען,
„—געה דיר ווייטער—ענטפערט זיא,
„דא דארפען זיך אנדערע לעגען״ —.

31

אין דיא שפעטערע דורות וועט מען מוזען,
אויף מיר זיך בעקלאגען;
ווייל איך האב דעם ערשטען וועג געוויזען,
מענשען טויט צו שלאגען.

32

מֶעק אָפּ גָאט מַיין שַׁאנְד אַצוּנְד ,
אֵיין עֶק זָאל נֶעמֶען מַיין שְׁרַייֶען ;
אָפּ־קוּמֶען נָאךְ פַאר זַיינֶע זִינְד ,
וֶועט קֵיינֶער נִיט וִויא קֵיין — .

---

# דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם !

---

1

דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וִויא אִיהְר וֶועט זֶעהֶען ,
אוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען דָא ;
רֵיידִין פוּן יוֹשֶׁר , גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין ,
אוּן קֵיין יוֹשֶׁר אִיז דָארְט דָא ;
נָאר אֱמֶת הֶערְט מֶען פוּן זֵייעֶר מוֹיל ,
זֵייא זֶענֶען גוּט , אוּן פְרוּם , אוּן פַיין , אוּן וואויל ! ?
זֵייא מֵיינֶען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם ,
זֵייא מֵיינֶען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם — .

2

אוּן אַ גוּטֶער פְרַיינְד אִיז דָאךְ בֶּעסֶער פוּן אַלְס ,
אַז דוּא הָאסְט אִיהְם אָן־גֶעטְרָאפֶען ;



עֶר זָאלְט פַאר דִיר גֶעשְׁטְרֶעקְט דֶעם הַאלְז ,
אִין פַייעֶר אוּן אִין וַואסֶער גֶעלָאפֶען ;
עֶר וָואלְט פַאר דִיר גֶעגֶעבֶען זַיין לֶעבֶען ,
ס'אִיז נָאר גֶעזָאגְטֶע זַאכֶען חָלֶעבֶען ,
עֶר מֵיינְט דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם ,
עֶר מֵיינְט דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם — .

3

אוּן אַ יוּנְגֶער מַאן שֶׁעהְן וִויא גָאלְד ,
נֶעהמְט אַ כַּלָה מִיט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת ,
זִיא אִיז שְׁוַוארְץ , גֶעשְׁטוּפֶּעלְט , גְרָא אוּן אַלְט ,
אוּן הָאט דֶער צוּ נָאךְ קְלֵיינֶע עֲווֹנוֹת . . .
„ס'טַייטְשׁ וָואס טְהוּסְט דוּ וִויא קֶען אַזוֹינְס צוּפֶּען ?" —
„שְׁווַייג ! „פֶערְבַּייסְט עֶר מִיט דִיא לִיפֶּען ;
אִיךְ מֵיין דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם ,
אִיךְ מֵיין דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם — .

4

אוּן דוּא מֵיידֶעל וָואס דוּא בִּיסְט יוּנְג אוּן שֶׁעהְן ,
צוּ בִּיסְט דוּ אַרָאפּ פוּן שֵׂכֶל ,
וָואס הָאסְט דוּ גֶענוּמֶען אֵיין אַלְטֶען מַאן אָן צֶאהְן ,
וָואס בֶּעטַייט דַיין שְׁמֵייכֶעל ? —

אִיךְ בִּין זִיךְ מַפְקִיר, מַיין פְרַיינְד, אוֹיף אַ קוּרְצֶער צַייט,
צוּ דֶער מִיתָה אִיז דָאךְ אִיהְם שׁוֹין בְּלוֹיז נִיט וַוייט;
וֶועלֶען מִיר בְּלַייבֶּען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם,
וֶועלֶען מִיר בְּלַייבֶּען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם —.

5.

אוּנ דוּא גַבַּאי זָאג מִיר קְלָארֶע רֵייד,
אִיךְ פַארְלָאז מִיךְ אוֹיף דַיין סְבָרָא,
וָואס רוּימְסְט דוּ עֶפֶּעס אַיין שְׁטִילֶערְהֵייט,
פַאר דֶער טִיהר דִיא עֲקָרָה?
וָואס הֵייסְט, אִיךְ זָאג אִיהְר — זִיא זָאלל גֶעבֶּען,
אַכְט מָאהל, נַיין מָאהל, חַ״י צוּם לֶעבֶּען;
סְ'אִיז מְזוּמָן־נֶע קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם,
סְ'אִיז מְזוּמָן־נֶע קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם —.

6.

פְּרָאצֶענְטְנִיק! — ווִילְסְט אִיךְ זָאל בְּדַלוּת וֶוערֶען,
גִיב מִיר אָפּ מַיינֶע מַשְׁכָּנוֹת! —
דָאס פְּרָאצֶענְט אִיז שׁוֹין מֶעהר פוּן דֶעם קֶרֶן,
אִיךְ קֶען נִיט בְּנֶאֱמָנוֹת! —
„נָא דִיר מַיין וָוארְט!" — עֶס אִיז אַ פוֹילֶער יְהִי רָצוֹן! —
אַ פָּארְמַאלְנֶע וֶועקְסִיל? — עֶט דָאס אִיז פוּצֶען! —

מְזוּמָן־נֶע קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם,
מְזוּמָן־נֶע קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם — .

7

אוּן אַ גְבִיר אַ חֲזִיר אַקְארְגֶער הוּנְד,
וֶוערְט חוֹלֶה אוֹיף ־קַאטָאוֶועת;
דִיא קִינְדֶער שְׁרַייֶען „אוֹי וֶועה אוּן וִוינְד!“
זַייא זֶעהֶען שׁוֹין דֶעם מַלְאָךְ הַמָוֶת;
וָואס זַייא שְׁרַייֶען וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגֶען,
מְ׳זָאלל אִיהְם שׁוֹין גִיכֶער אַרוֹיס טְרָאגֶען;
וֶועט זַייא בְּלַייבֶּען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם,
וֶועט זַייא בְּלַייבֶּען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם — .

8

אוּן דֶער מַגִיד דַרְשֶׁת פַאר׳ן נַארָאד,
נִיט צוּ רַייסֶען פוּן אַנְדֶערְן דָאס הַיטֶעל.
מְ׳זָאלל זִיךְ בֶּעגְנוּגֶען מִיט וָואס מְ׳הָאט,
מְ׳זָאלל נִיט קוּקֶען יֶענֶעם אִין בַּייטֶעל;
וָואס זֶשֶע קוּקְט עֶר אִין דִיא הֶאנְד, גִיט אִיהְם אַ פְרֶעג?
דֶער תַּלְמִיד טָאר נִיט, דֶער רַבִּי מֶעג;
צוּ רַייסֶען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם,
צוּ רַייסֶען דִיא קְלִינְגֶערְס בִּים בִּים בָּאם!“.

9

און דער מְחַבֵּר וָואס אִיז גֶעבִּילְדֶעט גָאר,
און רעד זִיךְ נָאר פוּן סְפָרִים,
ער אִיז זִיךְ גָאר מַבְּקִיר פַאר דֶער לִיטֶעראַטוּר;
חְלֶעבִּין ס'אִיז גָאלְלֶע שְׁקָרִים —
אִיךְ ווייס דָאךְ יָאה וָואס אִיז זַיין מֵיין,
וָוארוּם אִיךְ בִּין זִיךְ טַאקִי אַ מְחַבֵּר אַלֵיין;
ער מֵיינְט דִיא קְלִינְגֶערְם בִּים בָּאם,
ער מֵיינְט דִיא קְלִינְגֶערְם בִּים בָּאם! —.

---

# אַפְרֵיילֶעךְ חָסִיד׳ל

---

1.

אִיךְ דַאנְק דִיר הַארְצִידִיקֶער פָאטֶער גֶעטְרַייֶער,
אִיךְ דִינֶען דִיךְ מִיט מַיין גַאנְץ חַיּוֹת;
פַאר וָואס אִיךְ בִּין בַּייא דִיר טַאקִי טְהַייֶער,
מֶעהְר פוּן דִיא אַללֶע הוּלְטַאיֶיעם;
און מַיינֶע קִינְדֶער—דוּא זֶעהְסְט זִיךְ אַלֵיין דָאס צוּ.
פִּיהְרֶען זִיךְ אַללֶע בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיף מַיין סְטְרִי.

2

דִיא פְרַאנְצוֹיזֶען עֶסֶען מִיט דִיא הוֹילֶע קָאפּ,

סְ'זָאל זֵייא נָאר צוּ־פַאלֶען אוֹיף פִּיצְלֶעךְ,

אוּנ זֵייעֶרֶע נֵקֵבוֹת גֶעהֶען מִיט אֵייגֶענֶע צָאפּ,

אוּנ אָן־גֶערוּקְט נָאךְ מִיצְלֶעךְ;

מַיינֶע קִינְדֶער גֶעהֶען דָאךְ גָאר גֶעשׁוֹירֶען,

אוּנ רוּקֶען אָן דִיא קוּפְּקֶעס אִיבֶּער דִיא אוֹיעֶרֶען —.

3

אֲפִילוּ שַׁבָּת־דִיגֶע מַאֲכָלִים אִיז בַּייא זֵייא,

גָאר קֵיין מַשָׂא וּמַתָּן;

פַאר קוּגֶעל אוּנ פַאר טְשָׁאלֶענְט טְהֶעע,

הָאבֶּען זֵייא מוֹרָא סְ'זָאלל זֵייא נִיט שַׁאטֶען;

מַיינֶע קִינְדֶער פֶערְדֶעהֶען טְהֶעע פוּן אַ קְרִיגֶעל,

אוּנ לֶעקֶען אוֹיס דִיא טֶעלֶער פוּן פֶעטְסְטֶען קוּגֶעל —.

4.

דִיא פְרַאנְצוֹיזֶען דַאווֶענֶען אִין דַייטְשֶׁערְשֶׁע סִידוּרִים,

דָאס־טְרֵיפָה־פָּסוּל פֶערְשְׁלֶעפֶּען זֵייא נָאךְ אִין שׁוּהְל;

זֵייא שְׁטֶעהֶען, מְ'הֶערְט פוּן זֵייא קֵיין דִיבּוּרִים,

וָוארוּם זֵייא פְּרֶעסֶען זִיךְ אָן פְרִיעֶר פוּל;

מַיינֶע קִינְדֶער שְׁרַייעֶן אַלְלֶע, נִיט אֵיינֶער שְׁוַויגְט,

אוּנ הוֹידֶען זִיךְ, אוּנ פְּלֶיעסְקֶען זִיךְ צוּ צוּם טַאקְט —.

5.

דִּיא אַפִּיקוֹרְסִים אָךְ אוּן וֶועה,
וֶועלֶען דֶען הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא ?
אַז „מָאיָאה פָּאטְשְׁטֶעגְיֶע" הֵייסְט בַּייא זֵייא,
גָאר דֶער שֶׁעהֶנְסְטֶער בָּרוּךְ הַבָּא ;
בַּייא זֵייא הֵייסְטְ'ס עֶפֶּעס אַדְיָא, בָּאנְדְזְשׁוּר —
בַּייא אוּנְז הֵייסְטְ'ס סְגָאטְסֶעלְקוּמְט, גוּט מָארְגֶען, גוּט יָאהר.

6

דִּיא פְרַאנְצוֹיזֶען פֶערְבַּייטֶען זֵייעֶרֶע נָאמֶען אוּמֶעטוּם,
בֶּערִיל—הֵייסְט בַּייא זֵייא— בָּ א רַ א ק (?)
מָרְדְכַי—פֶערְבַּייטֶען זֵייא אוֹיף— מַ א קְ סִ ים,
אוּן יַעֲקִיל—הֵייסְט בַּייא זֵייא—גָאר זַאק (?)
בַּייא אוּנְז הֵייסְט מֶען פְּרָאסְט, שְׁמֶערִיל בָּרוּךְ,
גָאדִיל, גֶעצִיל, גִימְפֶּעל, זֶרַח —.

7.

אוּן דִּיא נְקֵבוֹת מַאכֶען זִיךְ נָאמֶען מְשׁוּנָה,
דְבוֹרָה- הֵייסְט בַּייא זֵייא— דָאבַּארִיסֶע,
חַנָה—רוּפֶען זֵייא גָאר—קַארְנָאלִינֶע,
אוּן מִרְיָם-מַאכֶען זֵייא אִיבֶּער אוֹיף—מַארִיסֶע,
בַּייא אוּנְז רוּפְט מֶען זִיךְ פְּרָאסְט: רָאהְסְיֶע, דְוָואהְסְיֶע!
טְרַיינֶע! בְּרַיינֶע! יַאכְנֶע! סָאהְסְיֶע! —.

8

זייערע מיידלעך מאכען זייא פאר כלי־זמר גאר,
אויף דיא טאפטשאנעס לערנען זייא צימבלען;
און מיט אום רחמנות־דיגע קולות — וועה איז דיא יאהר,
וויא דיא גויעת זינגען און ברימבלען;
מיינע קינדער האבען ניט חלילה דיא טבע,
ביי אונז טאר מען ניט הערען א קול פון א נקבה —.

9

דיא פראנצויזען שמדין דען ניט דיא קינדער אוים,
וואס זייא מאכען פון זייא ס ק א ב ע נ ט ע ן.
און אין דיא שקאלעס לערנען זייא זיך אוים,
מאכען מיידלעך ק א פ ל י מ ע נ ט ע ן;
מיינע קינדער אז זייא דער־זעהען אויף דער גאס א אשה,
פערשטעלען זיך דיא אויגען אזש פאר בושה.

10

זייערע חתן כלה ווערען זיך אליין באקענט,
און סוד'ן זיך אן ביז ס'קומט דער נאך ארוים,
זייא קוועטשין זיך גאנץ גוט אן ביי דיא האנד,
ביז זייא קוועטשין זיך עפעס אוים;
ביי מיינע קינדער איז ניט שולט חלילה דיא קליפה,
זייא קענען זיך ניט בנאמנות ביז נאך דער חופה.

II.

זַייעֶר חָתָן שְׁפִּילְט מִיט דֶער כַּלָה אַ פַּארלִיבֶּענִישׁ פְּרִיעֶר ,
אוּנ לֵיינְט מִיט אִיהְר אָפּ פוּן דִיא אָרוּמַאנֶען ;
בִּיז זִיא זָאגְט אִיהְם „יָא אִיךְ שְׁטַארְבּ שׁוֹין נָאךְ דִיר !”
אוּנ עֶר צוּ אִיהר—„נֵיין אִיךְ גֶעה שׁוֹין נִיט פוּן דַאנֶען,—
מַיינֶע קִינְדֶער מֶעגִין פְּרִיעֶר טַאקִי אוֹיסגֶעחַאפְּט וֶוערִין,
אֵיידֶער אַזֶעלְכֶע הוּלְטַאסְקִי לְשׁוֹנוֹת צוּ הֶערִין .

12.

דֶער יָאלְד פִּיהְרְט זִיא נָאךְ אוֹיפ'ן טְרֶעיַאטֶער,
אַ דָא שְׁמוּעֶסֶען זֵייא צְוִוישֶׁען זִיךְ אַזוֹי :
זִיא זָאגְט אִיהְם—דוּא בִּיסְט מַיין הֶערר גוּבֶּערנַאטֶער,
אוּנ עֶר אִיהְר—מַיין גֶעלִיעבְּטֶע פְרוֹיא ;
בַּייא אוּנְז הָאבֶּען זֵייא זִיךְ לִיעֶבּ דַוְקָא אַזוֹי גָאר,
חָאטְשׁ זִיא רוּפְט אִיהְם שְׁלִימַזָל אוּנ עֶר זִיא שְׁוַוארְץ יָאהר .

13

צוּם אֵייבִּיגֶען גֶעדֶעכֶענִישׁ שִׁיקְט אִיהם דִיא כַּלָה קַמֵיעוֹת ,
אוּנ הֶעפְט דָארְט אוֹים אִיהר נָאמֶען ,
אוּנ עֶר שֶׁענְקְט אִיהר אַ בִּיסֶעל הָאר—טַאקִי פוּן דִי פֵּאוֹת . . .
נוּא וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף אַזאַ הָמָן ? —
בַּייא אוּנְז שִׁיקְט עֶר אִיהר אַ טַייטְשׁ סִידוּר מִיט מַעֲמָדוֹת .
אוּנ זִיא אִיהם— אַ חֲנוּכָּה לֶאמְפִּיל מִיט אַ הָדָס .

14

בַּייא דִיא אַפִּיקוֹרְסִם, פֶּע ס'אִיז נִיט שֶׁעהְן,
לָאזְט מֶען וַואקְסֶען דֶעם זָכָר;
אוּנ צוּ דֶער חוּפָּה פִירְט מֶען זָאלְט אִיהר זֶעהְן,
שׁוין מִיט אַ בָּארְד אֵיין אַלְטֶען בָּחוּר;
בַּייא אוּנְז פִירְט מֶען אַ כַּלָה־כֶען גָאר אַ מָאצִיק,
אוּנ דָאס חָתָן־דֶעל נָאךְ גָאר אַ צָאצִיק.

15

בַּייא דִיא פְרַאנְצוֹיזֶען אַ חֲתוּנָה אָךְ אוּנ וֶועה,
גֶעהְט אָן אַ שֶׁעהְן בִּיסֶעל רְצִיחוֹת;
זַייא טַאנְצֶען עֶפֶּעס גָאר קָאנְדְרֶעל, גְלַאנְסֶיע,
אוּנ דְרֶעהֶען זִיךְ אַזוֹי וִויא דִיא רוּחוֹת;
בַּייא אוּנְז גִיסְט מֶען אוֹיס אַפָּמֶעיְנֶעצֶע אִין מִיט'ן שְׁטוּב,
אוּנ מֶען הוּפְּט, אוּנ מֶען שְׁפְּרִינְגְט וִויא דָאס לֶעבֶּען אִיז לִיבּ.

16

אוּנ זֵייעֶרֶע נֶקֵבוֹת — אִי וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט שְׁמַייסֶען,
לָאזֶען זִיךְ אַרוּם נֶעמֶען בַּיים טַאנְצֶען,
אוּנ וִויא מֵתִים טְהוּעֶן זֵייא זִיךְ אָן אִין וַוייסֶען,
אוּנ שְׁטֶעלֶען אַרוֹיס — דֶעם יֵצֶר הָרָע אִין גַאנְצֶען;
בַּייא מַיינֶע קִינְדֶער פֶּע — זֶענֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען מִיאוּס,
זֵייא פֶּערשְׁפִּילֶען זִיךְ גוּט פוּן קָאפּ בִּיז אִין דִיא פוּס.

17.

דֶער טֶאנְצֶער הָאט שׁוֹין צוּם טַאנְצֶען פְרִיעֶר מִן הַסְתָמָא,
אויסגֶעשְׁטֶעלְט זַיינֶע כְּלָלִים;
עֶר בֵּייגְט זִיךְ אוּנ נֵייגְט זִיךְ פַאר דֶער דַאמֶע.
אוּנ מַאכְט פַאר אִיהְר אַ בּוֹאִי בְּשָׁלוֹם;
בַּייא אוּנְז הֶערְט מֶען דִיא וַוייבֶּער וִויא דֶעם פַאר־אָיאהְרִיגֶען
שְׁנֵייא,
מְ'טַאנְצְט בָּארְוֶועס אוּנ מִיט הוֹילֶע תַּחְתּוֹנִים פַאר זֵייא.

18

בַּייא דִי פְרַאנְצוֹיזֶען אִיז דֶען שִׁיכּוֹרִין וִויא בַּייא אוּנְז אַמָאדֶע,
לְדָבָר מִצְוָה מְשַׂמֵחַ זַיין דֶעם חָתָן;
אוּנ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלֶען זֵייא נָאךְ וֶועלֶען אַוַדְאַי,
פַאר־זִיכֶען אַ שְׁטִיקֶעל לְוְיָתָן ?!...
בְּלָאטֶע! — עֶסֶען וֶועלֶען מִיר, טְרִינְקֶען בְּרָאנְפֶען פוּן פֶּעסֶער,
אוּנ זֵייא אַקַאפּ סָאהס אוֹיפ'ן שְׁפִּיץ מֶעסֶער!!!...

---

## דִיא וִוינְד־מִיהְל

---

דֶער וִוינְד בְּלָאזְט קִיהְל,
אַרוּם דֶער מִיהְל;

דִיא פְלִיגֶעל דְרֶעהֶען זִיךְ,
דִיא מִילְנֶער פְרֵייֶען זִיךְ;
דִיא רָאד טְרַייבְּט,
דֶער שְׁטֵיין רַייבְּט;
פוּן דֶעם קָארֶען,
וָואס אִיז גֶעוָוארֶען;
אִין אֵיין מִינוּט,
גִיט זִיךְ מֶעהְל אַשִׁיט;
מְלוֹיפְט,
מְ'קוֹיפְט;
גָאר אַ מְצִיאָה,
וָואלְוִויל תְּבוּאָה;
דָארְט שִׁיט מֶען אוּנְטֶער,
אַבִּיסֶעל וֵוייטְץ;
דָא נֶעמְט מֶען אַרוּנְטֶער,
מֶעהְל שוֹין גְרֵייט'ס;
מְ'פַּאקְט אִין פֶּעק,
אִין גְרוֹיסֶע זֶעק,
מְ'פִיהְרְט אַוֶועק;
אוּן מְ'נֶעמְט בַּייא קוֹנִים,
גוּטֶע מַטְמוֹנִים;

דיא מִלְנֶער פְרֵייֶען זִיךְ,
דיא פְלִיגֶעל דְרֶעהֶען זִיךְ;
דֶער ווִינְד בְּלָאזְט קִיהְל,
אַרום דֶער מִיהְל —.

• • •

אַזוֹי דְרֶעהֶען זִיךְ,
אַללֶע מִסְחָרִים;
סוֹחֲרִים פְרֵייֶען זִיךְ,
רַייךְ אוּנ אָרוּם;
אַבִּי דָאס ווִינְדֶעל פוּן הַצְלָחָה,
בְּלָאזְט זֵייעֶר מִיהלְכֶען אַבִּיסֶעל דוּרְךְ;
גֶעהְט דֶער מִסְחָר מִיט מַזָל אוּנ בְּרָכָה,
אוּנ מ'שִׁיט שׁוֹין זֶעקְלִיךְ מִיט דֶעם וֶוערְךְ;
דֶער מוּז יָאגֶען,
זַיין פֶערטְרָאגֶען;
הַאנְדְלֶען,
וַואנְדְלֶען;
דָאס פֶערשְׁרַייבֶּען,
יֶענְץ פֶערְרַייבֶּען;
לוֹיפֶען אוֹיף דֶעם טָארְג,
נֶעמֶען אוֹיף בָּארְג;

עֶס פְלִיהְט דָאס גֶעלְד,
פוּן הַאנְד צוּ הַאנְד;
מְ'הֶערְט קֵיין וֶועלְט,
צוּ אִיז מֶען אוּם שְׁטַאנְד;
צוּ הָארְטָאוֶוען,
צוּ לַאֲחָרִים;
אַבִּי אָנְקָאוֶוען,
גְמִילַת חֲסָדִים;
„טְרַאךְ!!״ — שַׁאט וָואס אִיז דֶער טְרַאךְ?
דִיא מִיהְל הָאט זִיךְ אֶפְשַׁר גֶעזֶעצְט? —
שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט, סְ'אִיז אַלְץ אֵיין זַאךְ,
אַ סוֹחֵר הָאט דָא אָן גֶעזֶעצְט;
דֶער ווִינְד בְּלָאזְט קִיהְל,
נִיט דָא קֵיין מִיהְל;
דִיא מִיהְל אִיז פּוּסְט,
מְ'וַוארְפְט דָארְט מִיסְט;
דִיא פְלִיגֶעל וָואס זֶענֶען הוֹיךְ גֶעפְלוֹיגֶען,
אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אִין רָאד גֶעדְרֶעהְט שְׁנֶעל;
גֶעשְׁווִינְדֶעלְט הָאבֶּען זֵייא פַאר דִיא אוֹיגֶען...
דֶער פַאר אִיז פוּן זֵייא הַיינְט גֶעוָוארֶען תֵּל.—

# דרייא מאהל יודישקייט

1,

וואס געהט דארט א גאנצער עולם פון יודען,
אונ פון זייער פנים שיינט ארויס פרייד;
איינער מיט דעם אנדערן רעדין צו-פרידען,
לאכען אונ שפאסען, פריילינערהייט;
—וואוהין געהט איהר דאס עולם, וואס איז דארט געשעהן?"—
—צו"נ־א ב ר י ת מילה איז א מצוה צו געהן!" — .

2

וואס געהט דארט ווייטער איין עולם פון יודען,
אונ טראגען זיך עפעס יום־טוב־דיק געקליידט;
איינער מיט דעם אנדערען רעדין צו־פרידען,
שמועסען, אונ לאכען מיט א גרויס פרייד;
—וואוהין געהט מען עם עולם, וואס איז דארט געשעהן?—
—צו"נ־א ח ו פ ה פיהרען איז א מצוה צו געהן! — .

3

אונ וואס געהט דארט פאר איין עולם יודען,
פאר חמארעט דאס פנים, פערזארגטערהייט;

הייסע טרעריז זעהט מען אין דיא אויגען זידען,
ווייגען אונ קראכטצען, א בראך א לייד;
וואוהין געהט מען עם עולם, וואס איז דארט געשעהן? —
צו־נ־א מת־מצוה איז א מצוה צו געהן! — .

* *
*

## דור הלך ודור בא (קהלת א ד)

יאהרען ציהען, יאהרען פליהען,
יאהרען לויפען גאר א שרעק;
מענשען זעהט מען זיך אלין מיהען,
מיהען זיך גאר אן עק;
קיין מאהל גיט מען זיך קיין רוה,
דער מארך טריקענט אין דיא ביינער;
פאר וואס? פאר ווען? צו וואס? צו וויא? —
דיא קשיא פרעגט ניט קיינער.
אליין זעהט מען פיעל משלים,
וויפיל דורות זענען געווען;
פערשווינדען זענען זייא וויא א חלום,
ניט דא קיינס פון זייער געביין;
גרויסע שררות, גרויסע מאננער,
גרויסע העלדען, שטארקע לייט;

גְרױסֶע קִינְסטְלֶער—אױךְ נִיט קֶענֶער,
בֶּעגְרָאבֶּען הָאט זֵייא אַלֶע דִיא צַייט;
אוּנ אױף זֵייא אַ מַצֵבָה גֶעשְׁטֶעלְט,
אוּנ עֶפֶּעס װֶערְטֶער אָן־גֶעשְׁרִיבֶּען;
לֵיינֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ דִיא װֶעלְט,
ס'אִיז שױן אָבֶּער אָפּ־גֶערִיבֶּען—...

אַזױ שְׁטַארְבֶּען רַייךְ אוּנ אָרוּם,
אַזױ װֶערְט פוּן זֵייא דֶער סוֹף;
אוּנ אױף זֵייעֶרע אַלְטֶע קְבָרִים,
װַאקְסֶען נַייעֶ דוֹרוֹת אױף;

נַייעֶ מֶענְשֶׁען, נַייעֶ שְׂרָרוֹת,
אַ נַייעֶר גְבִיר, אַ נַייעֶר הֶעלְד;
נַייעֶ הַשָׂגוֹת, נַייעֶ צָרוֹת,
אַ נייא לֶעבֶּען, אַ נַייעֶ װֶעלְט;
מֶען פֶערְגֶעסְט דֶעם דוֹר װָאס פְרִיעֶר,
יֶעדֶער זָארְגְט פַאר זִיךְ אַלֵיין;
אוּנ דֶער גְרוּב שְׁלִיסְט צוּ דִיא טִיהְר,
אוּנ לֵייגְט אױף אִיהְם דֶעם שְׁװֶערִין שְׁטֵיין.

---

יָאהרֶען צִיהֶען יָאהרֶען פְלִיהֶען,
יָאהרֶען לױפֶען נָאר אַ שְׁרֶעק;

מֶענְשֶׁען זֶעהְט מֶען זִיךְ אַלְץ מִיהֶען,
מִיהֶען זִיךְ גָאר אָן אֵיין עֶק;

„קֵיין מָאהְל גִיט מֶען זִיךְ „קֵיין רוּה,
דֶער מַארְךְ טְרִיקֶענְט פוּן דִיא בֵּיינֶער;
פַאר וָואס? פַאר וֶוען? צוּ וָואס? צוּ וִויא? —
אַ תִירוּץ אִיז דָא נָאר דָא אֵיינֶער:
דֶער מֶענְשׁ, יָאהְרִין וִויפִיל זֶעהְט עֶר,
זִיבְּצִיג, אַכְטְצִיג אוּן אֶפְשַׁר הֶעכֶער;
וָואס הַיינְט אִיז נִיט—אוֹיף שְׁפֶּעטֶער? —
שְׁפֶּעטֶער—וִוילל עֶר יָא— אַ זֵכֶר...

*

אִיךְ וֶועל אוֹיךְ אוֹיפְן אָטְשֶׁערֶעד שְׁטֶעהְן,
גְלַייךְ מִיט דִיא וָואס זֶענֶען פֶּערפְּלוֹיגֶען;
קוּמֶען וֶועט צוּ מִיר אוֹיךְ צוּ־גֶעהְן,
דֶער שַׁמָש מִיט דִיא טוֹיזֶענְד אוֹיגֶען;
צוּ סְ׳וֶועט מִיר יָא צוּ גִיט גֶעפֶּעלְלֶען,
אִיהְם וֶועל אִיךְ נִיט זַיין דֶער־וִוידֶער;
מַיין פֶּעדֶער וֶועל אִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְלֶען,
אוּן וֶועל אַייךְ זָאגֶען: „אַדְיֶע בְּרִידֶער!“;

אוּן גְלַייךְ מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען גְבִיר,
וֶועל אִיךְ מִיר לִיגֶען אִין דֶער עֶרְד צוּ־לֵייגְט;

וָואס עֶר הָאט זיךְ פְרִיעֶר גֶעשֶׁעהמְט מִיט מִיר,
הַיינְט וֶועט זַיין בַּייא מִיר שׁוֹין אָנְגֶעלֵייגְט;

מִיר נֶעמֶען נִיט בֵּיידֶע מִיט פון דַאנֶען,
מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע גְלַייכֶע צְדָדִים;
מִיךְ וֶועט מֶען חָאטְשׁ אַ צַייט דֶער־מַאנֶען,
דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען

אַ. גָאלְדֶענְפָאדִים

---

Изъ книгъ Бориса Цадкина
32

# א פריילעך כאָסידל.

איך דאנק דיר, הארצעדיקער פאָטער, געטרייַער,
איך דין דיך מיט מייַן גאנץ כייַעס;
פארוואָס איך בין בא דיר טאקע טייַער,
מער פון די אלע הולטייַעס.
און מייַנע קינדער, — דו זעסט זיך אליין דאָס צו,
פירן זיך אלע באָרוך־האשעם אף מייַן סטרי.

די פראנצויזן עסן מיט די הוילע קעפּ,
ס׳זאָל זיי נאָר צעפּאלן אף פּיצלעך,
און זייערע נעקייוועס גייען מיט אייגענע צעפּ,
און אָנגערוקט נאָך מיצלעך.
מייַנע קינדער גייען גאָר געשוירן,
און רוקן אָן די קופּקעס איבער די אויערן.

אפּילע שאבעסדיקע מאכאָלים איז בא זיי
גאָר קייַן מאסע־מאטן;
פאר קוגל און פאר טשאָלנט־טיי
האָבן זיי מוירע, ס׳זאָל זיי ניט שאטן.
מייַנע קינדער פארדייען טיי פון א קריגל,
און לעקן אויס די טעלער פון פעטסטן קוגל.

די פראנצויזן דאווענען אין דייַטשערשע סידורים,
דאָס טרייפפּאָסל פארשלעפּן זיי נאָך אין שול;
זיי שטייען, מ׳הערט פון זיי קיין דיבורים,
וואָרעם זיי פרעסן זיך אָן פריִער פול.
מייַנע קינדער שרייַען אלע, ניט איינער שווייַגט,
און הוידען זיך און פלעסקען זיך צו צום טאקט.

ז׳יי אפּיקאָרסים, אָך און וויי,
וועלן דען האָבן אוילעמהאבע?
אז „מאָיאָ פּאָטשטעניע” הייסט בא זיי,
גאָר דער שענסטער באָרוך־האבע!
בא זיי הייסט עפּעס: אדיאָ, באָנדזשור —
בא אונדז הייסט עס: סקאָצל קומט, גוט מאָרגן, גוט יאָר.

די פראנצויזן פארבייַטן זייערע נעמען אומעטום,
בערל — הייסט בא זיי — באָראק (?) [1];
מאָרדכע — פארבייַטן זיי אף מאקסים,

[1] דער פרעג-צייכן אין טעקסט גופע.



און יאנקל הייסט בא זיי גאָר זשאק (?).[1]
בא אונדז הייסט מען פראָסט, שמערל, באָרעך,
גאָדל, געצל, גימפּל, זאָרעך.

און די נעקייוועס מאכן זיך נעמען מעשונע,
דווירע הייסט בא זיי דאָבאריסע,
כאנע רופן זיי גאָר קארנאָלינע,
און מיריעם מאכן זיי איבער אף מאריסע,
בא אונדז רופט מען זיך פראָסט: ראָסיע, דוואָסיע,
טרייַנע, ברייַנע, יאכנע, סאָסיע!

זייערע מיידלעך מאכן זיי פאר קלעזמער גאָר,
אף די טאָפּטשאנעס לערנען זיי צימבלען;
און מיט אומראכמאָנעסדיקע קוילעס, — ווי איז די יאָר, —
ווי די גויעס זינגען און ברימלען.
מייַנע קינדער האָבן ניט כאָלילע די טעווע,
בא אונדז טאָר מען ניט הערן א קאָל פון א נעקייווע,

די פראנצויזן שמאדן דען ניט די קינדער אויס,
וואָס זיי מאכן פון זיי סקובענטן!
און אין די שקאָלעס לערנען זיי זיך אויס
מאכן מיידלעך קאָמפּלימענטן.
מייַנע קינדער, אז זיי דערזעען אף דער גאס אן אישע[2],
פארשטעלן זיך די אויגן אזש פאר בושע.

זייערע כאָסן־קאלע ווערן זיך אליין באקענט,
און סוידען זיך אָן ביז ס׳קומט דערנאָך ארויס;
זיי קוועטשן זיך גאנץ גוט אָן בא די הענט,
ביז זיי קוועטשן זיך עפּעס אויס.
בא מייַנע קינדער איז ניט שוילעט, כאָלילע, די קליפּע[3].
זיי קענען זיך ניט, בענעמאָנעס, ביז דער כופּע.

זייער כאָסן שפּילט מיט דער קאלע א פארליבעניש פריִער
און לייענט מיט איר אָפּ פון די אָרעמאנען[4],
ביז זי זאָגט אים: יאָ, איך שטארב שוין נאָך דיר!
און ער צו איר: ניין, איך גיי שוין ניט פונדאנען!
מייַנע קינדער מעגן פריִער טאקע אויסגעכאפּט ווערן,
איידער אזעלכע הולטייַסקע לעשוינעס צו הערן.

[1] דער פרעג-צייכן אין טעקסט גופע. [2] א פרוי. [3] די קליפּע—דער בייזער גייַסט, (דאָ געמיינט דער ליבע-גייַסט) האָט אַף זיי נישט צו שאפן. [4] ראָמאנען.